STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03313

REKHTS UN LINKS IN ARBETER RING

Moissaye J. Olgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארווארט צו דער צווייטער אויפלאגע

דער נייער טעראר.

דעם 28טן אויגוסט, 1925 האט זיך צום לעצטן מאל פארזאמלט דער ברענטש 24 פונם ארבעטער־רינג. פארזאמלט האט ער זיך ניט אין זיין געוויינטלאכן מיטינג־האל, נאר אין האנטס פאינט פעלעס. געקומען איז ער אף דער פארזאמלונג ניט מיט זיין גוטן ווילן, נאר לויט א באפעל פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פונם ארבעטער־רינג. צוויי טעג פאר דעם מיטינג האט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע ארויסגעשיקט בריוו צו די מיטגלידער פונם ברענטש, וואו ס'איז געשטאנען, ערשטנס, אז „שוין עטלאכע מאנאטן ווי די רוטינע ארבעט פונם ברענטש איז פארנאכלעסיקט געווארן" און ס'איז נויטיק, „אז די גאנצע פארנאכלעסיקטע ארבעט פון ברענטש זאל אויפגענומען ווערן", צווייטנס, אז דער מיטינג וועט פארקומען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון די פארטרעטער פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע", דריטנס, אז „נאכדעם, ווי די רוטינע ארבעט וועט דורכגעפירט ווערן, וועלן די פארטרעטער פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע אויפנעמען באם מיטינג די פראגע „וועגן דעם אלגעמיינעם צושטאנד פונם ברענטש". צום שלוס איז געווען א באמערקונג, אז „אן דעם בריף וועט קיינער צום מיטינג ניט אריינגעלאזט ווערן".

די באמערקונג באוויזט, אז דער מיטינג האט געזאלט פארקומען הינטער געשלאסענע טירן, ווער עס ווייסט די פראקטיק פון די נאציאנאלע באאמטע פונם ארבעטער־רינג, וועט שוין אליין פארשטיין אז די „אומגעווינשטע" מיטגלידער פונם ברענטש 24 האבן קיין איינלאדונג־בריוו ניט באקומען. כדי נאך מער צו באווארענען די פארזאמלונג קעגן דעם אריינדרינגען פון „אומגעווינשטע" עלעמענטן, האבן די באאמטע פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע אוועקגעשטעלט פאליציי בא דער טיר פונ'ם זאל. געוויינטלאך באוויזט זיך פאליציי אף א מיטינג פון אן ארבעטער־ארגאניזאציע, ווען דאס איז נויטיק פאר די קאפיטאליסטן אדער פאר דער קאפיטאליסטישער רעגירונג. דא האט די פאליציי זיך באוויזן, ווייל דאס איז נויטיק געווען דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע. די בעאמטע פונ'ם ארבעטער רינג האבן זיך שוין אפט אנגעהויבן ניצן מיט פאליציי אין קאמף קעגן די מיטגלידער פונם ארדען.

וואס איז פארגעקומען אף יענעם היסטארישן מיטינג? לויט א באריכט אינם „פארווערטס", האבן די לינקע געשטערט דעם מיטינג. „ס'איז געווען די אבזיכט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע", דערציילט דער „פארווערטס", „אז ברענטש 24 זאל איינמאל פאר אלעמאל קענען דורכפירן די וויכטיקסטע רוטינע ארבעט, וואס איז פאר א לייגנגערער צייט פארנאכלעסיקט געווארן צוליב די אבזיכטלאכע שטערונגען מצד פון די „לינקע". די

פאַרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו, וועלכע זענען צו דיזן לעצטן מיטינג געקומען, האָבן געזען, אַז ווייטער אָנהאַלטן די גאַנצקייט פון ברענטש אונטער די אומשטענדן, מיט די שטענדיקע מיאוסע העצעס און שטערונגען, וואָס ווערן געמאַכט פון דער „לינקער גרופּע", איז אוממעגלאַך. די „לינקע" זענען געקומען מיט אַן אָפּגעמאַכטן מיינונג און פּיליכט מיט אינסטרוקציעס פון זייער לינקן קלייזל אָפּצוברעכן אויך דיזן מיטינג. זיי האָבן ניט געלאָזט ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט, און דער מיטינג איז געשלאָסן געוואָרן. איידער מען האָט געשלאָסן דעם מיטינג האָבן די פאַרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע ערקלערט, אַז אונטער די אומשטענדן איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי ברענטש 24 אויפצולעזן און נאַכהער אים ווידער רעאָרגאַניזירן".

לויטן באַריכט פונם „פאָרווערטס" איז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע ריין, ווי געפאַלענער שניי. זי האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט האַנדלען ווי זי האָט געהאַנדלט. אַ גרופּע „לינקע" האָט זיך אונטערגענומען ניט צו לאָזן דעם ברענטש דורכפירן די נויטיקע „רוטינע" אַרבעט. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז מען קען ניט אָנהאַלטן די גאַנצקייט פונם ברענטש. אפילו דעם מיטינג אונטער דער אויפזיכט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע האָבן די שטערער ניט געלאָזט דורכפירן. איז געבליבן איין מיטל — רעאָרגאַניזירן, כדי צו רעאָרגאַניזירן, מוז מען פריער פאַנאַנדערלאָזן דעם ברענטש. אַ ברירה האָט מען ?

די מעשה זעט אויס גלאַט — אָבער נאָר פאַר אידיאָטן. דער „פאָרווערטס", וועלכער באַהאַנדלט זיינע לעזער ווי אידיאָטן, האָט דאָ, ווי אומעטום, דערציילט אַ נאַרישע באָבע־מעשה. אַ מענטש מיט אַ קלעפּקע אין קאָפּ וואָלט געמוזט פרעגן : ערשטנס, וואָס האָבן די לינקע געפאָדערט ? מען מאַכט דאָך ניט קיין טומל גלאַט אַזוי צוליב טומל ? צווייטנס, פאַרוואָס האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע געבראַכט פּאָליציי אויף דעם מיטינג ? עפּעס איז זי דאָך אויסן געווען מיט אַזאַ שאַרפן טריט ? און דריטנס : וואָס הייסט מען לייזט אויף אַ ברענטש דערפאַר, וואָס מ'האָט דאָרט געטומלט ? איז דען אַ שטורמדיקע זיצונג עפּעס אַ נייעס אין'ם אַרבעטער־רינג ? טרעפט דען ניט צענדליקע מאָל, אַז די ר ע כ ט ע זאָלן אָפּברעכן אַ מיטינג, ווען עפּעס איז זיי דאָרט ניט צום האַרצן ? ווען מ'וואָלט גענומען אויפלייזן ברענטשעס פאַר טומלדיקע זיצונגען, וואָלט דאָך באַלד קיין אַרבעטער־רינג ניט געבליבן ! און גלאַט שטעלט זיך אַ קשיה : דער „פאָרווערטס" לייגט אַריין די פאַרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אין מויל אַריין די ווערטער, אַז „אונטער די אומשטענדן איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי ברענטש 24 אויפצולעזן" : א ו נ ט ע ר ד י א ו מ ש ט ע נ ד ן הייסט —

ווען די מיטגלידער מאכן א טומל: הייסט עס, אז אויב זיי וואלטן *ניט* געמאכט קיין טומל, וואלט מען דעם ברענטש ניט אויפגעלייזט; הייסט עס, אז די נאציאנאלע עקזעקוטיווע האט לכתחילה *ניט* געפלאנעוועט אויפצולייזן דעם ברענטש. נאר, אויב אזוי, טא פארוואס האט זי גערופן פאליציי? פארוואס האט זי גערופן דעם מיטינג ניט אין געוויינטלאכן מיטינג־האל? וואס איז דאס געווען פאר א פראגע „וועגן דעם אלגעמיינעם צושטאנד פונם ברענטש“, וואס זי האט דערמאנט אין איר ספעציעלן בריוו? פארוואס איז צום מיטינג געקומען שיר ניט די גאנצע עקזעקוטיווע?

דער ענטפער איז גאנץ פשוט: דעם „ספעשל“ מיטינג האט מען גערופן דורך בריוו, כדי די „אומגעווינשטע“ זאלן זיך וועגן אים ניט דערוויסן. דעם געוויינטלאכן מיטינג־האל פון ברענטש 24 האט מען אויסגעמיטן, כדי ס'זאל צופעליק ניט אריינפאלן א „טריפה'נער“ מיטגליד. די פאליציי האט מען גערופן, כדי צו קענען פאנאנדערטרייבן דעם מיטינג. און געקומען איז די גאנצע כאליאסטרע פון דער עקזעקוטיווע, כדי צו האבן מער כח אפצוטאן דאס שיינע שטיקל ארבעט.

דאס שטיקל ארבעט איז געווען געפלאנעוועט פון פריער. דער מיטינג איז ספעציעל גערופן געווארן און די באאמטע זיינען געקומען מיטן צוועק *אויפצולייזן דעם ברענטש*. אויפגעלייזט האט מען אים דערפאר, וואס א גרויסער טייל פון זיינע מיטגלידער האט פראטעסטירט פאר אויסשליסן פונם ברענטש זעקס אויסגעפרואווטע גוטע מעמבערס. די זעקס האט מען ניט געמאכט פאר מעמבערס עט לארדזש. *מ'האט זיי אינגאנצן אויסגעשלאסן פונם ארבעטער־רינג*. דערמיט האט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע געעפנט א נײַ קאפיטל אין דער געשיכטע פון איר טעראר קעגן די, וואס סמייען האבן זייער אייגענע מיינונג וועגן פאליטישע פראגן און וועגן פראגן פונם ארבעטער־רינג. צווישן 1922 און 1925 איז די העכסטע שטראף געווען — מאכן פאר א מעמבער עט לארדזש, דאס הייסט פאר א מעמבער, וואס געהערט ניט צו קיין שום ברענטש, נאר וואס האט נאך די מאטעריעלע פריווילעגיעס פון מיטגלידערשאפט אינם ארדן. אנהויבנדיק מיט אויגוסט 1925, האט די עקזעקוטיווע גענומען *אויסשליסן* מיטגלידער, דאס הייסט בארויבן זיי אפילו פון די מאטעריעלע פריווילעגיעס, וואס זיי האבן זיך געקויפט דורך דיוס־אפצאלונגען אין א משך פון יארן. ברענטש 24 איז געווען דער ערשטער, אף וועמען ס'איז געפאלן דער גורל. די ערשטע אויסגעשלאסענע זענען געווען די חברים ס. גלאובערמאן, יאנג ליטווין, דארא סינגער, הערי שלאכטער און ל. גלאובערמאן, — אלע מיטגלידער פון ברענטש 24.

וואס איז זייער שולד ?

וואס האבן די זעקס אזוינס געטאן, וואס ס'קומט זיי אויס־שליסן פונם ארבעטער־רינג ? וואס האבן זייערע חברים אין ברענטש 24 אזוינס געטאן, וואס ס'קומט אויפלייזן דעם ברענטש? חבר מ. ריטש, א מיטגליד פון דעם ברענטש, דערציילט וועגן דער לאגע אין אזוינע ווערטער :

„די רעכטע פונם ברענטש האבן שוין לאנג פארגעסן, וואס ס'איז אזוינס סאציאליסטישע פרינציפן און אידייען, און דא באדארפן זיי פירן אן ארדן, וואס הייסט „ארבעטער־רינג“ און האט צו זייער אומגליק א סאציאליסטישן אונטערגרונט. וואלטן זיי געווען קאנסעקווענט, וואלטן זיי באדארפט פארלאזן דעם ארבעטער רינג, ווייל זיי זענען דאך, א גרויסע צאל פון זיי, ניט מער קיין ארבעטער און דיינקען ניט וועגן ארבעטערס אינטערעסן. ווילן זיי אבער דוקא פארבלייבן מעמבערס און אד־און־ווי־פירער דערצו. ווייסן מיר דאך, אין וואס פאר א גייסט זיי פירן. פאסירט אמאל, ווען איינער רופט זיי אן בא זייער הייליק־פארדינטן טי־טול „רעאקציאנערן“, זענען זיי גרייט אים דורס זיין. אדער ווען עס דערלויבט זיך א לינקער ארויסזאגן אזא מין געדאנק אז „מיר, לינקע, ווילן צוריקקערן דעם ארבעטער־רינג זיין פראלעטארישע נשמה“, ווערן די רעכטע פול מיט צארן. זיי פילן זיך שרעקלאך באליידיקט, ספעציעל די רעכטע אין מיין ברענטש, ווייל לויט דער פארגאנגענהייט איז ברענטש 24 געווען איינער פון די פראגרעסיווסטע אין ארדן, עס איז איצט, צום באדויערן, ניט מער ווי געשיכטע“.

די רעכטע מיטגלידער פונם ברענטש, צווישן זיי א סך „ארויפגעארבעטע“, געשעפטסלייט, קרעמער, קליינע באסעס, האבן מיט אמאל דערזען, אז ס'וואקסט א לינקע געפאר. ס'האט זיך געפונען אין ברענטש א צאל קלאסן־באוואוסטע פראלעטאריער, צווישן זיי עטלאכע קאמוניסטן. די דאזיקע פראלעטארישע עלע־מענטן האבן אנגעהויבן שפילן א ראלע אינם ברענטש. מ'האט אנגעהויבן פרעגן פראגן. מ'האט אנגעהויבן אוועקשטעלן די פראגן אף א פרינציפיעלן באדן. אויב העלפן אידישע שולן אין אייראפע, — פארוואס ניט אויך אין סאוועט־רוסלאנד ? אויב שטיצן די בעטער־פרעסע אין אמעריקע, — פארוואס ניט די „פרייהייט“ ? אויב גרינדן ארבעטער רינג־שולן, — פארוואון ניט פרואוון געבן דורך זיי א פראלעטארישע דערציאונג ? אויב איינלאדן לעק־טארן פארן ברענטש, — פארוואס ניט אזוינע, וואס שטייען אפן שטאנדפונקט פון קלאסן־קאמף קעגן די קאפיטאליסטן און דער קאפיטאליסטישער מלוכה ? אויב א סאציאליסטישע דע־קלאראציע איז איינגעשלאסן אינם פראגראם פונם ארבעטער־רינג, טא פארוואס ניט אנערקענען די איינציקע מלוכה, וואו די אר־

בעטער הערשן און שאפן סאציאליזם׳ — די סאוועט-רעפובליק ?

די לינקע האבן געקעמפט פאר די פרינציפן פון רעוואלוציא־נערן סאציאליזם, — דעם איינציקן סאציאליזם, וואס פארדינט דעם נאמען. די לינקע האבן געפאדערט אז דער ברענטש 24 זאל גיין אף דער ליניע פון קאמף קעגן די באסעס און זייער הערשאפט. דאס האבן ניט געקענט איבערטראגן די באסעס און קרעמער און הענדלער פונם ברענטש. דאס האבן אויך ניט געקענט איבערטראגן די עטלעכע אומבאוואוסטזיניקע אר־בעטער, וואס על פי טראדיציע גייען זיי מיט די „וועטעראנעס“, ווייל אזוי האבן זיי זיך צוגעוואוינט יארן און יארן און ווייל זיי פארשטייען ניט די לינקע. ס'האט אויפגעקאכט א קאמף אינם ברענטש. די ליניע איז געצויגן געווארן שארף. אף איין זייט די רעכטע, געפירט פון די בורזשואזע עלעמענטן און געשטיצט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע. אף דער אנדערער זייט — די פראלעטאריער׳ וואס קענען ניט דערלאזן, אז דער ארבעטער־רינג זאל ווערן א נעסט פון רעאקציע און פארראט פון די ארבעטער אינטערעסן.

עס זאל דא באמערקט ווערן׳ אז טעראר אינם ברענטש האבן אריינגעבראכט ד י ר ע כ ט ע . זיי האבן אנדערש ניט געקענט. זיי האבן געמוזט נוצן דעם מעסער פון זייער מער־הייט, כדי אפצושניידן ארגומענטן. קיין פרינציפן־דעבאטע האבן זיי ניט געקענט דערלאזן, ווייל זיי האבן געוואוסט, אז זיי קע־נען ניט פארטיידיקן זייער אנטי־פראלעטארישע און אנטי־רע־וואלוציאנערע שטעלונג. האבן זיי ניט געוואלט דערלאזן׳ אז די לינקע זאלן ריידן. האבן זיי מעכאניש פארשטאפט דאס מויל פון דער פראלעטארישער אפאזיציע. איז דערגאנגען אזוי וויט, אז מ'האט בא די לינקע פשוט אפגענומען דאס ערשטע רעכט פון מיטגלידער: דאס רעכט צו ריידן און פארטיידיקן זייער שטאנדפונקט.

א דאקומענט, וואס רעדט פאר זיך אליין

פאר אונז ליגט א דאקומענט, וואס גיט א דייטלאך בילד פון דער לאגע. דאס איז א בריוו פון די לינקע מיטגלידער פונם ברענטש 24 „צו דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פונם ארבעטער רינג און צו דער רעכטער מערהייט פון ברענטש 24“. דער בריוו לייענט זיך אזוי:

„ווערטע פריינט !

„מיר׳ די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון ברענטש 24 ארבעטער רינג, ווילן דורך דעם דאזיקן צושריפט אייך זאגן עטלעכע אפנהערציקע ווערטער.

„די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון ברענטש 24 האבן אפגעגעבן לאנגע יארן טעטיקייט אין דעם ארב.־רינג און זענען געווען פון די הויפט־בויער פון דעם ברענטש 24. אויב דער ברענטש 24 האט געהאט א שיינעם רעקארד אלס פראגרעסיווער ברענטש אינם ארבעטער־רינג, איז דאס געווען הויפטזאכלאך א דאנק די מיטגלידער, וועלכע זענען אונטערגעשריבן אונטער דעם צושריפט.

„ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער קאמף פון די לינקע קעגן אייערע רעאקציאנערע פאליסיס אין דעם ארבעטער־רינג, האבן מיר די גאנצע צייט געזוכט צו האלטן אונזער דיסקוסיע פון די פארשיידענע פראגן אף א הויך, וועלכע פאסט פאר מיט־גלידער אין דעם ארבעטער־רינג. דורך אלערליי מאנעוורען און דורך מאביליזירן די אפגעשטאנענע עלעמענטן פון אונזער ברענטש איז אייך געלונגען אף ספעציעל ארגאניזירטע מיטינגען צוזאמענצו־ברייננען א מערהייט אין ברענטש 24.

„מיר אנערקענען דעם פאקט, אז איר זענט די מערהייט אין צאל און מיר — א זייער גרויסע מינדערהייט; אין קוואַ־ליטעט און אין ארבעטס־פייאיקייט שטייגט אונזער גרופע א סך אריבער אייער גרויסע צאל.

„אלס מינדערהייט זענען מיר גרייט צו ארבעטן אין דעם ארבעטער־רינג און מיר פאדערן אלע רעכט פון א מינאריטעט. מיר פאדערן, אז צושריפטן פון אונזערע אינסטיטוציעס זאלן פארגעלעזן ווערן בא מיטינגען און אינטעליגענט דיסקוטירט ווערן; אז אונזערע מיטגלידער זאל געגעבן ווערן די מעגלאכקייט צו טאן ארבעט פארן ברענטש; אז די מערהייט זאל ניט דערשטיקן יעדע דיסקוסיע, וועלכע הויבט זיך אויף אין ברענטש. אונטער אזוינע באדינגונגען וואלט פאר אונז מעגלאך געווען צו ארבעטן פארן ברענטש און העלפן זיין וואוקס און פרעסטיזש.

„אנשטאט דעם האט איר זיך פארנומען אף אנדערע וועגן, אף וועגן, וועלכע ברעכן דעם ברענטש, וועלכע פארוואנדלען אונזערע מיטינגען אין א כאאס, און עס קומט שוין אזוי ווייט, ווי קלעפ. נאך מער: דורך א כיטרע מאנעוורע פון דער נאַ־ציאנאלער עקזעקוטיווע זוכט איר פטור צו ווערן פון אונזערע אקטיווע מיטגלידער אין ברענטש. וואולפיש אומשולדיק זאגט איר צו די פריינט ל. גלאובערמאן און יאנג: „נעמט אייך טרענס־פערס״: מארגן וועט איר זאגן צו צוויי־דריי אנדערע דאס זעל־בע לידל, און אזוי ארום זוכט איר צו פארטרייבן פון אונזער ברענטש די בעסטע עלעמענטן פון אונזער ארגאניזאציע.

„מיר ווילן אייך דא דערקלערן, אז אייער שפיל וועט ניט געדולדעט ווערן פון קיין איינציקן פון אונז. קיין איינציקן וועט איר ניט ארויסנעמען פון אונזער ברענטש. מיר ווען דאס ניט דערלאזן. מיר וועלן אלע שטיין אין ברענטש און וועלן פאדערן א

גערעכטע באהאנדלונג פון אונזער גרופּע אין דעם ברענטש, אָדער מיר וועלן אָננעמען אַ באַזונדער ברענטש אַלע צוזאַמען.

„אונזער פעסטער באַשלוס איז: איר וועט אונז ניט צו־טיילן און ניט צוברעקלען. מיר זענען צוזאַמען און אַזוי וועלן מיר בלייבן שטיין.

„נעמט אויף דעם צושריפט אין זיין גאַנצן ערנסט, אין וועלכן ער איז געמאַכט געוואָרן. שפּאָרט אייך אומזיסטיקע רייַ־סערייען און הייסע בלוט. מאַכט איינעם פון די צוויי אויס־וואַלן: מיר ווערן געדולדעט אין ברענטש, אָדער אַ נייעם ברענטש פאַר אַלעמען. קיין דריטער וועג איז ניטאָ“.

דער דאָקומענט רעדט פאַר זיך אַליין. ניין, ער רעדט ניט — ער שרייט. ער פאָדערט די עלעמענטאַרסטע רעכט. די איבער 100 מיטגלידער, וואָס האָבן געשטימט פאַר דעם דאָקומענט, האָבן געקעמפט נאָר פאַר צוויי זאַכן: 1) מען זאָל בא זיי ניט צונעמען די מעגלאַכקייט צו טאָן אַרבעט פאַרן ברענטש און 2) מען זאָל זיי ניט פאַרשטאָפּן דאָס מויל, ניט פאַרשרייען, ניט באַשמוצן, ניט אָפּברעכן די מיטינגען, ניט סטראַשען מיט אַלערליי שטראָף ווען זיי, די לינקע, דריקן אויס זייער פּראָלעטאַרישע קלאַסן־קעמפּער־רישע מיינונג. דער ברענטש האָט דאָס ניט באַוויליקט. די נאַ־ציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט דאָס ניט באַוויליקט. זיי האָבן, ווי פריער, טעראָריזירט די לינקע, באַשאַפן פאַר זיי אַן אויסנאַמס־לאַגע, געשטעלט זיי פאַקטיש אויסער דעם אַרבעטער־רינג.

אַ פּאָר אילוסטראַציעס: אויף ברענטש־מיטינג קומט אַריין אַן אַרבעטער־רינג מיטגליד מיט אַ טרענספער פון אַן אַנדער ברענטש. אַלצדינג איז געזעצלאַך. אַלע פאָרמאַליטעטן אויסגעפּילט. דאָך שטייט אויף איינער אַ ברענטש־מיטגליד און דערקלערט: „איך אָבדזשעקט קעגן דעם טרענספער“. ווען מען פרעגט אים, פאַרוואָס, ענטפערט ער: „פּערזענלאַך קען איך ניט דעם מאַן. אָבער מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער איז אַ טראָבל מאַכער, דאָס איז גענוג“.

דאָס איז געווען גענוג פאַרן ברענטש ניט אָנצונעמען דעם טרענספער. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דער מיטגליד, וואָס האָט „אָבדזשעקטעט“, איז ניט קיין אַרבעטער, נאָר דער אייגנטימער פון אַ דרוקעריי. דער דאָזיקער באָס קען ניט פאַרליידן קיין מיטגלידער וואָס „מאַכן טראָבל“. באָסעס האָבן אַלעמאָל ליב „סטאַטעטשנע“, רואיקע, געהאָרכזאַמע מענטשן.

אין אַנדער פאַל. אין ברענטש איז דאָ אַ מיטגליד מיטן נאָ־מען מאָוזער. דעם דאָזיקן מאָוזער'ן האָט די זיגמאַן־קליקע פון דער אינטערנעישאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן אָנגע־שטעלט פאַר אַ באַאַמטן אין לאָקאַל 2 פון דער יוניאָן נאָכדעם ווי מ'האָט אַרויסגעוואָרפן די לינקע עקזעקוטיווע פונם לאָקאַל און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. אויף אַ ברענטש־מיטינג

האָט פּאָפּלאַר, אַ קלאָוקמאַכער, אָנגערופן דעם יוניאָן־באַאַמטן מיטן נאָמען „יוניאָן־סקעב" און געזאָגט, אַז ער טאָר ניט ריידן אַף אַ ברענטש פונם אַרבעטער־רינג, ווייל ער איז אַ פיינט פון די אַרבעטער. אַן אַנדער אַרבעטער, ח' ליטווין, האָט געזאָגט: „אדרבא, זאָל מאָוזער וואַגן צו ווייזן זיין פּנים פאַר אַ מיטינג פון קלאָוקמאַכער". פאַר אָט די רייד האָט מאָוזער, אַ „שטאַרקער" יוניאָן־פּאַרטרעטער, זיך אונטערגע'גנב'עט צו ח' ליטווינ'ען און אים געגעבן אַ פּאַטש פון הינטן. פאַר אָט דער טאָט האָט מען באַזייטיקט פונם ברענטש און נאָכדעם אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פונם אַרבעטער־רינג ניט דעם שלעגער־פּאַררעטער, נאָר ח' ליט־ווינ'ען, וועלכער האָט פאַרטיידיגט דעם פּראָלעטאַרישן כבוד פונם אַרבעטער־רינג.

פאַר די מיטגלידער איז שוין לאַנג געווען קלאָר, אַז עפּעס גרייט די רעכטע מאַשין אין ברענטש 24. נאָכאַנאַנד פלעגן אַהינצו קומען די „הויכע" באַאַמטע פונם אָרדן. געהאַלטן האָבן זיי זיך ניט ווי פריער פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי קאָמאַנדירן פון אַ „שטאַרקער" גענג. דינערשטיין אין דער ראָלע פון אַ אַפּי־ציעלן אויספאָרשער האָט געפרעגט אייניקע לינקע ,צווישן זיי ס. גלאָובערמאַן, אַזאַ מין פראַגע: „מיר ווילן וויסן, פאַרוואָס מיר זאָלן אייך ניט אַרויסנעמען פונם ברענטש". די נאַציאָנאַלע באַאַמטע האָבן אַפילו ניט געטראַכט, אַז זיי דאַרפן ברייינגען קלאַגן. זיי האָבן געהאַנדלט, ווי יענער באַנדיט, וואָס באַפאַלט אַ פאַרבייגייער אינמיטן פעלד און פאָדערט פון אים באַווייזן, פאַר וואָס ער זאָל אים ניט באַרויבן. בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט, ווען די מיטגלידער האָבן זיך פאַררופן אַף דער קאָנסטיטוציע פונם אַרבעטער־רינג, האָט דער זעלביקער דינערשטיין געזאָגט, אַז ער האָט „זיין אייגענע קאָנסטיטוציע". דאָס דערמאָנט אַן די אַלטע צייטן פון דער רוסישער זעלבסטהערשאַפט, ווען טשינאָווניקעס האָבן געזאָגט דעם פּראָסטן עולם: „איך בין דיר אי גע־זעץ, אי גאָט" — און באַסטאַ.

אָט דערפאַר, וואָס די לינקע האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַזוי־נע מעשים און געפאָדערט רעכט פון מיטגלידער, האָט מען פריער עטלעכע פון זיי געמאַכט פאַר מעמבערס עט לאַרדזש: ווען די דאָזיקע עטלעכע האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זייערע חברים פונם ברענטש און פלעגן אַלץ קומען אַף די זיצונגען, ווי דאָס איז זייער רעכט ביז זייער קלאַגע וועט ניט אויפגענומען ווערן אין דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרס, האָט מען זעקס אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פונם אַרבעטער־רינג. ווען די אויסגע־שלאָסענע האָבן געפאָדערט, אַז זייער קיים זאָל גיין צו אַ רעפע־רענדום פון די מיטגלידער, האָט מען זיי אָפּגעזאָגט אין אָט דעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט.

ווען די איבעריקע לינקע פונם ברענטש 24 האבן זיך ניט דערשראקן און ניט באַרואיקט נאָך אַזאַ טעראָריסטישן אַקט, האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזן דעם ברענטש.

אַן אַלטער גרויסער ברענטש פון 650 מיטגלידער איז רואינירט געוואָרן צוליב דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, געשטיצט אַף די ניט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, האָט באַשלאָסן אָנצולערנען די לינקע פּראָלעטאַרישע גרופּע און דורך זיי דעם גאַנצן לינקן פליגל.

וואָס פאַרט האָבן די אויסגעשלאָסענע אַזוינס געטאָן, וואָס ס׳קומט זיי אויסשליסן און דערצו נאָך אָן אַ רעפערענדום ? אינם מאָמענט פון דער אויטשליסונג האָט מען קעגן זיי קיין שום קלאָגן ניט געבראַכט. זעקס וואָכן שפּעטער איז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אַרויס מיט אַ דערקלערונג, אַז ערשטנס, האָבן זיי געטומלט און געשטערט די מיטינגען, צווייטנס, זאָל ס. גלאָובערמאַן האָבן געזאָגט צוריק מיט צוויי יאָר, אַז ווען די קאָמוניסטישע וואָרקערס פּאַרטי וועט אים הייסן, וועט ער ברעכן דעם אַרבעטער־רינג. ביידע טענות זיינען געבויט אַף זאַמד. שטערן די מיטינגען אין ברענטש 24 האָבן געשטערט די רעכטע מיט זייערע גיליאָטינע־מעטאָדן. און די מעשה מיט ברעכן דעם אַרבעטער־רינג איז נאָך צוריק מיט צוויי יאָר אויפגענומען געוואָרן פונם ברענטש, — גלאָובערמאַן האָט דעמאָלט באַוויזן, אַז די וואָרקערס פּאַרטי גרייט זיך ניט ברעכן דעם אַרבעטער־רינג, און דער ברענטש האָט אים ריינגעוואַשן.

ווער איז ס. גלאָובערמאַן ? אין אַן אָפענעם בריוו צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע שרייבט ער : „18 יאָר צייט האָב איך אָפּגעגעבן מיין צייט, מיין מי, מיין ענערגיע פאַרן אַרבעטער־רינג. איך בין קיינמאָל ניט געווען פון די מיטגלידער, וואָס זענען די גאַנצע צייט געזעסן אין דער היים און וועלכע איר האָט איצט אַרויסגעשלעפּט צו קומען ראַטעווען די קאָונטרי. איך בין שטענדיק געווען אַקטיוו. מיין ברענטש האָט מיך שטענדיק אויסגעקליבן אין דער עקזעקוטיוו קאָמיטע און אין אַנדערע קאָמיטעס. איך בין שטענדיק דערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו קאָנפערענצן, געווען אפילו נאָמינירט פון דער סיטי קאָנפערענץ אַלס קאַנדידאַט פאַר דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרס, געווען אַ מיטגליד פון דער סיטי עדיוקיישיאָנאַל קאָמיטע.. — און קיינעם איז אָט די גאַנצע צייט ניט איינגעפאַלן מיך צו באַשולדיקן, אַז איך בין שעדלאַך פאַרן אַרבעטער־רינג".

נאָך 18 יאָר אַרבעט איז ער געוואָרן שעדלאַך — פאַר דעם באַלעבאַטישן קליינבירגערלאַכן גייסט, וואָס די רעכטע האָבן אַריינגעטראָגן אינם אַרבעטער־רינג. אָן משפּט, אָן אַ מעגלאַכקייט צו אָפּעלירען האָט מען אים מיט נאָך 5 אַרויסגעוואָרפן פונם

ארבעטער־רינג, — באַרויבט פון זיי ניט נאָר די רעכט צו אַרבעטן אינם אָרדן, נאָר אויך דעם קראַנקן־בענעפיט און די אינשורענס, וואָס זיי האָבן איינגעצאָלט אין אַ משך פון יאָרן. זיי זיינען שולדיק, — ווייל זיי גלויבן אין קלאַסן־קאַמף און נעמען ערנסט דעם סאָציאַליזם.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע קלאָגט זיך, אז די לינקע האָבן געטומלט. אינם אויבן־ציטירטן דאָקומענט פאָדערן די לינקע, מען זאָל זיי אויסטיילן אין אַ באַזונדער בראַנטש. אויב מ'וואָלט דאָס געטאָן, וואָלטן אויפגעהערט די מחלוקת. בראַנטש 24 וואָלט ניט געליטן, ווארום ס'וואָלטן אין אים געבליבן אַזוינע 550 מיטגלידער, — אַ גענוג גרויסע צאָל פאַר יעדן סאָרט אַרבעט. די אָפּגעטיילטע לינקע וואָלטן אָנגעווענדט זייער גאַנצע ענערגיע צו פאַרגרעסערן דעם נייעם בראַנטש — און ס'וואָלט זיי אודאי געלונגען, וואָרום זיי האָבן גענוג כח און מוט און ווילן צו דער אַרבעט. דורך דעם וואוקס פונם נייעם בראַנטש וואָלט געוואַקסן דער אַרבעטער־רינג.

פאַרוואָס האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע דאָס ניט געטאָן? ווייל זי האָט ניט געוואָלט קיין נייעם לינקן בראַנטש. איידער דער אַרבעטער־רינג זאָל וואַקסן אַף לינקס, וויל זי אים בעסער גאָר ניט דערלאָזן וואַקסן. זי איז גרייט ארויסצונעמען דעם אַרבעטער־רינג צוויי אויגן, אַבי די לינקע איינס. אַנשטאָט צו זען צוויי בראַנטשעס מיט אַ פאַרגרעסערטער צאָל מיטגלידער, האָט זי בעסער באַשלאָסן צו רואינירן בר. 24 און דערמיט פאַרקלענערן און אָפּשוואַכן דעם אַרבעטער־רינג.

דורך אָט דער עובדה האָט זי באַוויזן אַזוי דייטלאַך, ווי נאָר מעגלאַך, ווער עס איז די ברעכערישע קראַפט אינם אָרדן.

וואָס טוט מען.

וואָס בלייבט פאַר די לינקע? די צייטן ענדערן זיך צום בעסערן פאַר די פראָלעטאַרישע עלעמענטן. דער טאָג איז שוין ניט ווייט, ווען די קראַפט פון דער רעכטער מאַשין וועט זיין געבראָכן אין דער אינטערנעשיאָנאַל יוניאָן. מיט איר צוזאַמען ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט און דיסקרעדיטירט דער „פאָרווערטס". מיטן „פאָרווערטס" ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די רעכטע קליקע אינם אַרבעטער־רינג. דער קאַמף פון די לינקע אין אַרבעטער־רינג ווערט לייכטער.

מען דאַרף פאַרשאַרפן דעם קאַמף — מען דאַרף פאַרטיפן די אַגיטאַציע. מען דאַרף אויסניצן יעדע געלעגנהייט צו באַווייזן די מיטגלידער דעם קליינבירגערלאַכן אַנטי־פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון דער

נאציאנאַלער באאמטן־גרופּע און פון דעם גאנצן רעכטן פליגל. מען דאַרף פירן ברייטע לעבעדיקע קאַמפּיינס אַרום קאָנקרעטע פאָדערונ־גען פון אַן אויסגעהאַלטענער קלאַסן־קעמפערישער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק. מען דאַרף מאָביליזירן די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אינם אַרבעטער־רינג צו האַנד־לען קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער געלער מאַשין, וואָס ווערט געשטיצט פונם „פאָרווערטס".

אָבער קודם כּל דאַרף מען פאַרשטיין און קענען געבן צו פאַרשטיין די פּראָלעטאַרישע מיטגלידער אינם אַרבעטער־רינג, אַז דאָס איז אַ קלאַסן־קאַמף, אַז דאָ שטייען אַרבעטער און זייערע סימפּאַטייזערס קעגן באָסעס און זייערע לאַקייען. דער קאַמף אינם אַרבעטער־רינג איז אַ קאַמף פונם פּראָלעטאַרישן רע־וואָלוציאָנערן געדאַנק קעגן דער בורזשואַזער שטרעבונג אָפּצו־שוואַכן דעם אַרבעטער־קלאַס און פאַרטומלען זיינע מוחות.

אויפצודעקן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פונם קאַמף צווישן רעכטס און לינקס אינם אַרבעטער־רינג איז די אויפגאַבע פון אַט דער בראָשורע.

נאָוועמבער, 1925.

1. אלגעמיינע לאגע.

די אלטע און די נייע „פרינציפן־ערקלערונג“.

אין 1923 איז אפגעשאפט געווארן די אלטע „פרינציפן־ערקלערונג פונ׳ם ארבעטער־רינג און אנגענומען געווארן א נייע. די אלטע „פרינציפן־ערקלערונג“ האט געשטאמט פון 1917. א פארגלייך צווישן די צוויי דאקומענטן ווייזט אונז א *שטארקן רוק אף רעכטס* — פון סאציאליזם נענטער צו ליבעראליזם.

די אלטע „פרינציפן־ערקלערונג“ זאגט: „די געדריקטע מאטעריעלע לאגע פון די ארבעטער און אלס רעזולטאט דערפון די אפטע קראנקהייטן האבן געבראכט צו דער גרינדונג פון דעם ארבעטער־רינג. די נייע „פרינציפן ערקלערונג“ דערמאנט שוין ניט די געדריקטע מאטעריעלע לאגע און זאגט שוין ניט, אז די אפטע קראנקהייטן זיינען א רעזולטאט פון דער געדריקטער לאגע. די נייע „פרינציפן־ערקלערונג“ רעדט אין אלגעמיין, אז „די מאדערנע אינדוסטריעלע אומשטאנדן זיינען מערסטנסטייל די אורזאכן פון קראנקהייט און אומגליק־צופאלן צווישן דעם ארבעטער־קלאס“.

די אלטע „פרינציפן־ערקלערונג“ זאגט, אז דער ארבעטער־רינג דארף „דורך איינקייט, קעגנזייטיקע הילפ(ע) און אויפקלערונג פארלייכטערן און פארמיידן דיזע איבלען“, ד. ה., די איבלען פון א געדריקטער מאטעריעלער לאגע און קראנקהייט. די נייע „פרינציפן־ערקלערונג“ רעדט וועגן „פאראייניקטע כחות“, „ארגאניזאציע און קאאפעראציע“, אבער אויפקלערונג ווערט אין איר לחלוטין ניט דערמאנט.

די אלטע „פרינציפן־ערקלערונג“ זאגט, אז „די אידייע פון באפרייען די ארבעטער פון זייער שטענדיקער מאטעריעלער און געזעלשאפטלאכער אונטערדריקונג“ איז „מעגלאך נאר דאן, ווען די געזעלשאפטלאכע ארדנונג וועט זיך אינגאנצן ענדערן“. די נייע זאגט נאר: „אלס מיטגליד פונם ארבעטער־רינג שטרעבן מיר צו דער פולשטענדיקער באפרייאונג פונם ארבעטער־קלאס“.

די אלטע „פרינציפן־ערקלערונג“ זאגט, אז אויב אן ארבעטער־רינג־מיטגליד באטייליקט זיך אין פאליטישע וואלן, „מוז ער שטימען פאר די פארטייען, וואס שטעלן ארויס אין זייער פראגראם, אלס ענד־ציל, די *אפשאפונג* פון פריוואט־אייגנטום (אונטערגעשטראכן אין אריגינאל). די נייע „פרינציפן־ערקלערונג“ זאגט, אז אן ארבעטער־רינג מעמבער איז „פארפליכטעט צו שטיצן די פארטייען, וואס שטעלן ארויס אין זייער פראגראם די *איינפירונג פון פאליטישע פרייהייט און עקאנאמישע גלייכהייט*“ (אונטערגעשטראכן פון אונז).

די אַלטע „פּרינציפּן־ערקלערונג“ רעדט וועגן אַרבעטער׳ס נויט, וועגן מאַטעריעלער און געזעלשאַפטלאַכער אונטערדריקונג, וועגן דער נויטיקייט צו ענדערן די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג אינגאַנצן דורך אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום. די נייע רעדט וועגן „מאָדערנע אינדוסטריעלע אומשטענדן“, וועגן „פּאָלשטענדיקער באַפרייאונג“, וועגן „פּאָליטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט“. די אַלטע רעדט קלאָרע ווערטער, די נייע — פאַרשטעלט. די אַלטע רעדט סאָציאַליסטיש, די נייע — ניט אהין, ניט אהער: אַז מען וויל, קען מען זי טייטשן סאָציאַליסטיש, אַז מען וויל איז דאָס צעשוואומענער ליבעראַליזם. די ווערטער „פּאָליטישע פרייהייט“ האָבן ניט קיין באַשטימטן אינהאַלט, ווארום אויך אין אַמעריקע זאָגן די קאַפּיטאַליסטן, אַז ס׳איז דאָ פּאָליטישע פרייהייט. די ווערטער „עקאָנאָמישע גלייכהייט“ האָבן אויך ווייניק אינהאַלט, וואָרים אין אַמעריקע טענה׳ן די בורזשואַזע טעאָרעטיקער, אַז יעדער איינער, סיי אַן אַרבעטער, סיי אַ באַס, ווערט באַלוינט ווערליג עס קומט אים, לויט זיין ראָל אין דער אינדוסטריע — און אַז דאָס איז עקאָנאָמישע גלייכקייט. די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום איז שוין ניט אַריין אין דער נייער ערקלערונג.

דער אויסרייד איז געווען, אַז ס׳פּאַסט ניט פאַר דער רעגירונג און פאַר נאַטשאַלסטוואַ צו ריידן וועגן אַזוינע „שאַרפע“ זאַכן. אַ פאַקט איז אָבער, אַז אַמאָליקע יאָרן האָט מען יאָ גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן — און ס׳האָט דעם אַרבעטער־רינג ניט געשאַדט. ס׳איז ניטאָ אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרווערן אַן אַרבעטער־אָרדן ריידן וועגן אַ צייט, „ווען די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג וועט זיך אינגאַנצן ענדערן“.

די אָפּשוואַכונג פון סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אין דער „ערקלערונג“ איז ניט קיין צופאַל. זי איז אַ סימוואָל פון דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ טייל אַרבעטער־רינג און אין די, וואָס שטייען באַם רודער.

לאָפּאָלעט, עבערט און בראַנטינג

לויט דער אַלטער פּרינציפּן־ערקלערונג, וואָלט אַן אַרבעטער־רינג־מיטגליד זיך געקענט פאַרטראַכטן, צי זאָל ער שטימען פאַר אַזאַ קאַנדידאַט, ווי לאַפּאָלעט. ער וואָלט זיך געקענט פאַרטראַכטן, צי האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געהאַט אַ רעכט אַרויסצושטעלן אַזאַ קאַנדידאַט, ווי לאַפּאָלעט. וועלכער גלויבט ניט אין אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום און אין אומענדערן די גאַנצע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג. אמת, ניט יעדער מיטגליד רעכנט זיך מיט דער קאָנסטיטוציע אָדער מיט די פּרינציפּן פון זיין אָרדן. אָבער דאָך איז די „פּרינציפּן־ערקלערונג“ אַ פאָן, אַ פּראָגראַם, אַן אידעאָלאָגישער וועג־ווייזער פאַר דער מיטגלידער־מאַסע און פאַר די וואָס מען וויל צוציען. די נייע ליבעראַלע פּרינציפּען־ערקלערונג

האט פאנאנדערגעבונדן דעם ארדען די הענט. ווען ברענטש 150
האט אנגעפרעגט אין גענעראל־אפיס, וואס מען זאל טאן מיט לא־
פארטיי, און „אזוי ווי די סאציאליסטישע פארטיי האט זיך ניט
6טן אקטאבער גאנץ רואיק געענטפערט, אז מען מעג שטימען פאר
לאפאלעט׳ן, ווייל ער איז א פארטרעטער פון דער סאציאליסטישער
פארטיי, און „אזוי ווי די סאציאליסטישע פארטיי האט זיך ניט
אנטזאגט פון אירע פרינציפן, איז די עקזעקוטיוו קאמיטע פונ׳ם
ארבעטער־רינג ניט אימשטאנד און האט ניט די אויטאריטעט צו
באשליסן אנדערש און זאגן די מיטגלידער, אז זיי טארן ניט שטי־
מען פאר לאפאלעט׳ן, ווייל ער אנערקענט ניט פאליטישע פרייהייט
און עקאנאמישע גלייכקייט“. באסקין וואלט געקענט צוגעבן, אז
וועדליג ליבעראלן טייטשן אוים די ווערטער „פאליטישע פרייהייט
און עקאנאמישע גלייכהייט“, איז לאפאלעט גאר ניט קעגן די דא־
זיקע פרומע וואונשן און דער ארבעטער־רינג קען ניט זיין קעגן
לאפאלעטן.

מיר זאגן, אז די פירער פונ׳ם ארבעטער־רינג האבן זיך אידע־
אלאגיש צוגערוקט נענטער צום ליבעראליזם. מיר ווייסן, אז דאס
איז א שווערע באשולדיקונג קעגן מענטשן, וואס רופן זיך סאציא־
ליסטן. אבער וואס איז דען ליבעראליזם ? דאס איז א פאליטי־
שע ריכטונג, וואס וויל אנהאלטן גלייכגעוויכט צווישן קאפיטאל
און ארבעט, א ריכטונג, וואס איז אי פאר אונטערשטיצן די קאפי־
טאליסטישע ארדנונג, אי פאר א פריינטלאכער באציאונג צו די אר־
בעטער, אף וויפיל דאס איז מעגלאך אין קאפיטאליזם. כדי צו
זען, אז די אפיציעלע טוער פונ׳ם ארבעטער־רינג נייען אין דער
ריכטונג, איז גענוג איבערצולייענען א לייט־ארטיקל אינ׳ם „פריינד“
פון אפריל 1925, אונטער׳ן נאמען „עבערט און בראנטינג“. בראנ־
טינג, ווען דער ארבעטער־רינג ארגאן גיט דעם אטעסטאט פון
„געבילדעטער“ און „אריסטאקראט“, ווערט געלויבט דערפאר, וואס
„קיין פאסענדערן, קיין פייאיקערן מענטשן האבן סיי די ארבעטער
און סיי די בורזשואזע פארטייען ניט געפונען“. עבערט׳ס אויפ־
גאבע אין דייטשלאנד ווערט פארגעשטעלט אזוי : „עס מוזן
אנגענומען ווערן אלע מיטלען, אום די ניי־געבוירענע רעפובליק זאל
ניט פאלן פון די קלעפ פוןביידע עקסטרעמען, סיי פון די עקסטרעם
רעכטע און סיי פון די עקסטרעם לינקע, וועלכע האבן געגלויבט,
אז די צייט איז געקומען, ווען מען קאן אין דייטשלאנד מאכן אינ־
גאנצן א סוף צו דער קאפיטאליסטישער סיסטעם און איינפירן דעם
סאציאליזם אף דעם רוסישן שטייגער“. עבערט ווערט געלויבט
דערפאר, וואס „ער האט זיך געמוזט שטעלן אינמיטן פון ביידע
עקסטרעמען און פירן דאס לאנד ביסלאכווייז צו א נארמאלן צו־
שטאנד“.

דער אפיציעלער ארגאן פונ׳ם ארבעטער־רינג שטייט אפן
שטאנדפונקט, אז א גוטער סאציאליסט איז אזוינער, וואס געפעלט
אויך די בורזשואזע פארטייען און וואס ראטעוועט זיין לאנד פון א

סאָציאַלער רעוואָלוציע מיט „אַלע מיטלען“. די „אַלע מיטלען“ זיינען געווען טויט און טורמע פאַר צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געוואָלט דעם „נאָרמאַלן צושטאַנד„ פון אוממענטשלאַכער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע אין זייער לאַנד. די „אַלע מיטלען“ זיינען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שיסערייען אַף רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרעסטן פון אומשולדיקע.

דער אָפיציעלער אָרגאַן פונ׳ם אַרבעטער־רינג רעדט אין דעם פּרט פּונקט אַזוי ווי עס האָבן גערעדט אַלע ליבעראַלע זשורנאַלן. ווען איר ווייסט ניט, וואו עס שטייט דער ציטירטער לייט־אַרטיקל, וואָלט איר בשום אופן ניט געקענט טרעפן, אַז דאָס שרייבט זיך אינ׳ם זשורנאַל פון אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך סאָציאַליסטיש.

דער בורזשואַזער פליגל

דער דאָזיקער אָפּזאָג פון סאָציאַליזם מערקט זיך ניט נאָר אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פונ׳ם אָרגאַן. ער איז פאַרשפּרייט צווישן אַ גרויסן טייל פון די מיטגלידער גופא. אָט איז איין ביישפּיל. סוף 1924 און אָנהויב 1925 איז אויפגעקומען אַ פראַגע וועגן דעם פאַבריקאַנט אייבאָוויטש פון בר. 215, ניו יאָרק, אַ מיטגליד פונ׳ם אַרבעטער־רינג, וואָס האָט באַנוצט פּאָליציי און גענגסטערס צו ברעכן אַ סטרייק פון די אַרבעטער אין זיין פאַבריק. דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט אַרויסגעשיקט צו די מיטגלידער אַ רעפערענדום־פראַגע, וואָס מען זאָל טאָן מיט אייבאָוויטש׳ן: אויסשליסן, אָדער ניט אויסשליסן פון אַרבעטער־רינג? אַ גרויסער טייל ברענטשעס האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, געשטימט פאַר אויסשליסן דעם סטרייק־ברעכער־באָס פונ׳ם אָרדען. עס האָבן זיך אָבער געפונען גאַנצע 59 ברענטשעס, וואו אַ מערהייט האָט געשטימט קעגן אויסשליסן. ניין־און־פופציק ברענטשעס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז אַן עקלהאַפטער עלעמענט זאָל בלייבן אין אַרבעטער־רינג.

ווי איז דאָס געווען מעגלאַך? גאַנץ פּשוט, דערפאַר, וואָס אין אָרדען זיינען דאָ אַ סך בורזשואַזע עלעמענטן. אַמאָליקע יאָרן זיינען כמעט אַלע מיטגלידער פונ׳ם אַרבעטער־רינג געווען אַרבעטער. מיט דער צייט אָבער האָט מען זיך „אַרויפגעאַרבעט“ אַף אייגענע קאַפּיטאַלן. ס׳איז איצט דאָ אינ׳ם אַרבעטער־רינג אַ געוויסע צאָל פאַבריקאַנטן, קאָנטראַקטאָרס, ריעל עסטייטניקעס, באַנקירן, גרויסע און קלענערע קרעמער. ס׳איז פאַראַן אַזוינע, וואָס געהערן צו ריין־קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די טשיימבער אָוו קאָמערס. מיט דעם רייכטום זיינען אַ סך געוואָרן רעספּעקטאַבעל און באַלעבאַטיש; ס׳זיינען איצט דאָ אינ׳ם אַרבעטער־רינג בכבוד׳יגע שול־אידן, אפילו גבאים פון שולן; מען קען דאָרט געפינען חזנים, שוחטים, מלמדים און אַנדערע כלי קודש.

עס פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע עלעמענטן האָבן ניט צו טאָן מיט'ן סאָציאַליזם און ווילן ניט וויסן פון קלאַסן־קאַמף. פאַר־קערט, זיי מוזן האָסן יעדע פּראָזע, וואָס דערמאָנט זיי וועגן קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, און זיי מוזן באַשיצן זייערע קלאַסן־חברים, וואָס ברעכן סטרייקס מיט דער הילף פון פּאָליציי.

ווי גרויס איז זייער צאָל? מיר האָבן ניט קיין גענויע ציפערן, אָבער יעדנפאַלס איז קלאָר, אז זיי זיינען א מינדערהייט אינ'ם אַרבעטער־רינג. די מערהייט באַשטייט פון מענטשן, וואָס אַרבעטן שווער צו מאַכן א לעבן, וואָס קוקן אף א סטרייק, ווי אף א הייליקע זאַך, וואָס קוקן אף א סקעב, ווי אף אן אויסוואורף, וואָס האָסן די באָסעס און זייער עקספּלואַטאַציע, וואָס פאַרשילטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג מיט דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַ־טור און וואָס סאָציאַליזם איז בא זיי דער שענסטער אידעאַל.

אָט דאָס איז דאָס בילד פונ'ם איצטיקן אַרבעטער־רינג: א בורזשואַזע מינדערהייט און א פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלע־טאַרישע מערהייט. פון איין זייט א פאַראייניקונג פון באָס אין שול־אידן, פון דער אַנדערער א פאַראייניקונג פון פּראָלעטאַריער מיט אַנדערע האַרעפּאַשניקעס. מיט אַנדערע ווערטער: אין אַר־בעטער־רינג איז איצט א צעטיילונג פון קלאַסן.

פירערשאַפט פונם אָרדען — מיט דער בורזשואַזיע

די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פונ'ם אָרדען: די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, די נאַציאָנאַלע באָארד און דירעקטאָרס, דער אָפי־ציעלער זשורנאַל און אַלע הילפס־קאָמיסיעס האָבן די לעצטע יאָרן געשלאָסן א בונד מיט די בורזשואַזע עלעמענטן אינ'ם אַרבעטער־רינג: זיי האַנדלען אַזוי, ווי עס פאַרלאַנגען די דאָזיקע עלעמענטן; זיי באַקעמפן דעם סאָציאַליסטישן גייסט אינ'ם אַרבעטער־רינג. ווי דאָס איז צום האַרצן פון די בורזשואַזע עלעמענטן; זיי רופן די בורזשואַזע עלעמענטן אין א נויט צו אונטערדריקן די פּראָלעטאַרי־שע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אַזוי ווי די בורזשואַזיע נוצט כסדר גוואַלט־מיטלען קעגן די אומצופרידענע אַרבעטער און האַ־רעפּאַשנע מאַסן, האָט די אָפיציעלע פירערשאַפט אויך אין אַרבע־טער־רינג אָנגעהויבן פּראַקטיצירן דיקטאַטאָרישע מעטאָדן אין קאַמף קעגן די פּראָלעטאַרישע קרעפטן.

די אָפיציעלע פירערשאַפט איז געוואָרן א געהאָרכזאַם געצייג אין די הענט פון דער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן דעם פּראָ־לעטאַריאַט פונ'ם אַרבעטער־רינג.

דער צוועק פון אָט דער שריפט איז צו באַווייזן די ריכטיקייט פון אָט דער באַהויפּטונג. די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען וועלן ברייננגען א טייל פונ'ם באַווייז־מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין אונזערע הענט. דערווייל ווילן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אף אן אַלגעמיינער דערקלערונג פונ'ם גענעראַל־סעקרעטאַר פונ'ם אָרדען. אין אן אַר־טיקל אין „פאָרווערטס" פונ'ם 17טן אַפּריל 1925 שרייבט ער:

„אַט שטייען פאַר אונז היינט צו טאָג אַן ערה אידן. אין דעם סטייט פון וואַשינגטאָן געפינען זיי זיך. אַלע זיינען שיינע באַלעבאַטים, מאַכן אַ שיינעם לעבן, האָבן וואוינונגען אין די שענסטע טיילן פון שטאָט. קיין בענעפיטן פונ׳ם ארבעטער־רינג פאַרלאַנגען זיי ניט; זיי זיינען רייך גענוג, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צום ארבעטער־רינג פאַר קראַנקען־בענעפיט. קינדער דערציוגן אין קאַלעדזשעס, און דאָך באַלאַנגען זיי צו אַ ברענטש פון ארבעטער־רינג . . . וואָס פאַר אַ געמיינשאַפטלאַכעס האָבן היינט־צו־טאָג דיזע רייכערע אידן מיט זייערע אָרימערע ברידער פון די אַנדערע טיילן פון לאַנד? וואָס פאַרבינדט זיי צוזאַמען? דער ענטפער איז אַן איינפאַכער: דער באַטן, וועלכער טראָגט דעם עמבלעם פונ׳ם ארבעטער־רינג — דאָס איז די פאַראייניקונגס־קראַפט: די ליבע צו דעם קנעפּל, וועלכער טראָגט אויף זיך אויסגעקריצט די בוכשטאַבן א. ר. און פאַרקערפּערט מיט זיך אַ הויכן אידעאַל, אַ ברידערליכע אידעע, מען וויל ניט וויסן פון קיין אַנדערע מאָטיוון, מען וויל זיך ניט גריבלען. קיינע ספקות עקזיסטירן פאַר זיי מער ניט“.

י. באַסקין האָט אַ סך פאַרשוויגן אין זיין באַשרייבונג. ער האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אויב די וואַשינגטאָנער אידן זיינען „רייך גענוג“, זיינען זיי ניט פון על חטא געוואָרן פעט, נאָר זיי האָבן מסתמא עקספּלואַטירט און עקספּלואַטירן נאָך איצט אויך די ארבעט פון פּראָלעטאַריער, וואָס איניקע פון זיי מעגן אפילו געהערן צום ארבעטער־רינג. ער האָט געוואָלט באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז די רייכערע און די אָרימערע אידן זיינען צעטיילט ג ע אָ ג ר אַ־פ י ש: אין איין טייל פון לאַנד געפינט זיך איין סאָרט, אין אַנדערע טיילן פון לאַנד — דער אַנדערער סאָרט, און ער האָט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז אפילו אין איין טייל פונ׳ם לאַנד און אפילו אין איין ברענטש פונ׳ם ארבעטער־רינג געפינען זיךביידע סאָרטן אידן. ער האָט, ווייטער, אויסגעגאָסן דעם אויל פון קליינבירגערלאַכער גוטמוטיקייט אַף דעם גאַנצן ענין, אַקוראַט ווי ס׳איז גאָר קיין פּראָבלעם ניטאָ אין אַט דער בעטיילונג פון ארבעטער־רינג מיטגלידער אַף רייכערע און אָרימערע, אַף באַלעבאַטים און ארבעטער, אַקוראַט ווי ס׳איז ניטאָ קיין צוזאַמענשטויס.

אָבער איין וויכטיקן מאָמענט האָט דער הויפּט־באַאַמטער פונ׳ם ארבעטער־רינג דאָך צוגעגעבן מיט דער גאַנצער אָפנהערציקייט פון איינעם, וואָס אָט שוין לאַנג פאַרגעסן זיין סאָציאַליזם: ער האָט צוגעגעבן, אַז דער ארבעטער־רינג איז איינגעטיילט אין קלאַסן: פון איין זייט, „שיינע באַלעבאַטים“, וואָס „מאַכן אַ שיינעם לעבן“ און וואוינען „אין די שענסטע טיילן פון שטאָט“, פון דער אַנדערער — די אַלע שניידער, קלאָוקמאַכער, פּיינטערס, בעקער, קאַרפּענטערס און אַנדערע פּאַרלעטאַריער, וואָס מאַכן קוים אַ וויסט לעבן, וואוינען אין טענעמענט הייזער און הונגערן אין סלעק. ער האָט צוגעגעבן, אַז צווישן די ביידע קלאַסן איז ניטאָ קיין שום

צובונד, א חוץ דעם באַטאָן, דאָס הייסט א חוץ דעם, וואָס זיי גע־
פינען זיךביידע אין דעם זעלביקן אָרדען. און ער האָט באוויזן
מיט זיין גאַנצן ארטיקל, אז ער האָט גרויס רעספעקט פאר דער
עדה אידן", אז ער קוועלט פון די "שיינע באַלעבאַטים", אז ער
באוואונדערט זייער רייכטום און אז אים קומט גאָר ניט אָפּ'ן גע־
דאנק: וואָס פאר א פלאַץ האָבן אָט די שיינע באַלע-
באַטים אין אַן ארבעטער־אָרדען?

פארשטייט זיך, מר. באַסקין האָט ניט געזאָגט, אז אָט די
„שיינע באַלעבאַטים" דיקטירן אים און זיין אָפּיס די גאַנצע פּאָ־
ליטיק. אָבער אַזוי איז דאָס. ניט נאָר איז דער גענעראַל אָפּיס
צופרידן מיט די „שיינע באַלעבאַטים" און „גענוג רייכע" אידן, נאָר
ער שטייט אויף זייער זייט אין קאַמף קעגן דעם פראָלעטארישן פליגל.

באַלעבאַטים געשיצט קעגן ארבעטער און סטרייקער.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון'ם ארבעטער־רינג האָט די
לעצטע פאר יאָר געמאכט א מאַסע פראָלעטארישע עלעמענטן פאר
„מעמבערס עט לאַרדזש" און דערמיט זיי פאַקטיש אויסגעשלאָסן
פון אַנטייל אינ'ם לעבן פון'ם אָרדען. אָבער פאר דער גאַנצער
צייט, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף קעגן די פראָלעטאריער
און זייערע וואָרט־פירער, איז קיין איינציק מאָל ניט דיסציפּלינירט
געוואָרן דורכן גענעראַל־אָפּיס קיין איינציקער באָס און קיין איינ־
ציקער ברעכער פון סטרייקס.

אָט זיינען א פּאָר ביישפּילן:

א. — סאשינסקי, אַ סקעב-באָס מיט אינדזשאָנקשאָנס

אין נוארק לעבט א פאבריקאַנט א מאַטראַצנמאַכער מיטן נאָ־
מען סאשינסקי. ער איז א מיטגליד פון דער „פּאַרוועדטס"־אַסאָ־
סיאיישאָן, אַן אנגעזעענער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַר־
טיי און א צייל פון דער רעכטער פירערשאַפט אין ארבעטער־רינג:
געוועזענער טשערמאַן פון דער דיסטריקט קאָמיטע פון נוארק. בא
סאשינסקי'ן קומען כסדר פאָר סטרייקס פון „זיינע" ארבעטער, און
סאשינסקי אונטערדריקט נאָכאַנאַנד די סטרייקס מיט גוואַלט.
סוף זומער 1924 איז בא אים געווען איינער אזא סטרייק, איז ער
מיט דער הילף פון דער פּאָליציי באַפאַלן די פּיקעטס, און דער
ביזנעס אגענט פון דער יוניאָן איז געשלאָגן געוואָרן אויף א ברוטאַלן
אופן. אין אַפּריל 1925 האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א סטרייק
צוליב דעם, וואָס דער סאָציאַליסט און ארבעטער־רינג מיטגליד
סאשינסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען די מאַטראַצנמאַכער־
יוניאָן און האָט אויסגעשלאָסן די יוניאָן־ארבעטער פון זיין שאַפּ.

די יוניאָן האָט געענטפערט מיט אַ סטרייק. סאַשינסקי האָט גע־
דונגען סקעבס און גערופן די פּאָליציי. ווען דאָס האָט אויך ניט
געהאָלפן, האָט ער זיך געווענדט אין געריכט נאָך אַן אינדזשאַנ־
שאַן קעגן דער יוניאָן דערפאַר וואָס זי שטערט אים די ביזנעס.
ער האָט די אינדזשאַנקשאַן באַקומען קעגן דער יוניאָן בכלל און
באַזונדער קעגן פיר יוניאָן־מיטגלידער סטרייקער: קייט גאָלדענ־
בורג, דזשאָרדזש שוואַרץ, ראָוז דיימאָנד און י. גאָלובטשיק.

וואָס טויג די סאַשינסקי'ס זייער מיטגלידערשאַפט אין אַרבע־
טער־רינג? וואָס געווינען זיי דערפון? אַ בריוו אין דער
„פרייהייט" פון ה. ריטש, מיטגליד פון בר. 308 אַ. ר., וואַרפט
אַ ליכט אויף דער פראַגע. ה' ריטש דערציילט, ווי אַזוי די אַרבע־
טער־סטרייקערס האָבן אַריינגעבראַכט אַן אָנקלאָג אויף סאַשינסקי'ן
אין ברענטש 23 אַרבעטער־רינג אין נוארק, ער גיט איבער די
ווערטער פון די סטרייקער: „מיר האָבן אויסצושטיין די גרעסטע
צרות פון דעם גנאַסע סאַשינסקי. מיר קריגן די ערגסטע באַדינ־
גונגען. מיר האָבן אַלעמאָל געזוכט צו פאַרמיידן צווייסטיקייטן.
פילע קריוודעס האָבן מיר אַרונטערגעשלונגען. ער איז דאָך פאָרט
אַ גנאַסע, אַ מיטגליד פון אַרבעטער־רינג."

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען אַ באַס איז אַ מיטגליד פון
אַרבעטער־רינג, איז אים גרינגער צו הערשן איבער זיינע אַרבעטער:
זיי האַלטן אים פאַר אַ שטיקל אייגענעם, זיי ווילן אים ניט ערגערן,
זיי שלינגען אַרונטער קריוודעס. מיטגלידערשאַפט אין אַרבעטער־
רינג איז געוואָרן אַ מיטל צו שיצן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַ־
טאַציע קעגן דעם רעוואָלט פון די אַרבעטער, אַ מיטל צו פאַר־
טומלען די אַרבעטער־מוחות מיט דער אידייע פון האַרמאָניע צווישן
קלאַסן. ניט אומזיסט האָבן אויף יענעם מיטינג אין ברענטש 23,
די רעכטע געשריען אויף די סטרייקער: „איר דאַרפט זיך מיט
אונז, גנאַסן, באַגיין מענטשלאַך. טרעט ניט אויף אונזערע געפילן.
עס ווערט אין מיר מיין האַרץ צעפּלאַצט, איר דאַרפט אַזוי ניט
ריידן". אמת, אין נוארק האָט דער פּאַטעטישער רוף ניט געהאַט
קיין גרויסע ווירקונג: אַ צעשלאָגענער סטרייקער האָט אַרויס־
גענומען אַ גרויסע שמאַטע פול מיט בלוט — און דאָס איז געווען
דער בעסטער ענטפער, אָבער אפילו אין נוארק האָבן דאָך סאַ־
שינסקי'ס אַרבעטער געדולדעט מער, ווי זיי וואָלטן געדולדעט
באַ אַן אַנדער באַס. ווייל סאַשינסקי איז אַ מ י ט ג ל י ד פונ'ם
אַרבעטער־רינג.

קען מען זיך פאָרשטעלן אַ גרעסער פאַרברעכן פון פּראָלעטאַ־
רישן שטאַנדפּונקט, ווי סאַשינסקי'ס דינגען סקעבס, שלאָגן סטריי־
קער און אַרויסנעמען אינדזשאַנקשאַנס? אָבער באַ דעם גענעראַל
אַפּיס בלייבט סאַשינסקי אַ ח ש ו ב ' ע ר מיטגליד און טוער.

קיין קרום וואָרט איז אָפיציעל ניט געזאָגט געוואָרן קעגן
סאַשינסקי'ן, ווער רעדט שוין פון אויסשליסן. דער גענעראַל אָפיס
איז מיט סאַשינסקי'ן.

ב. — די פּעטערסאָנער סקעבס.

אין פּעטערסאָן האָט זיך סוף זומער 1924 אָנגעהויבן אַ העלדישער און פאַרצווייפלטער סטרייק פון די זייד־וועבער. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר'ן לעבן און געזונט פון די אַרבעטער, וועמען די באָסעס האָבן געצוואונגען איבערצוגיין פון צוויי מאַשינען אַף פיר. דער סטרייק האָט אַרומגענומען כמעט 90 פּראָצענט פון די וועבער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. ס'איז אָבער געווען סקעבעריי אויך. דער גרעסטער טייל פון דער סקעב־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין די שעפּער פון קליינע אידישע באָסעלאַך, וואָס פאַרמאָגן יעדערער נאָר עטלאַכע מאַשינען און וואָס האָבן געאַרבעט מיט דער הילף פון אייגענע און באַקאַנטע. אַן ערך הונדערט און פופציק פון אָט די באַלעבאַטימלאַך־סטרייקברעכער זיינען מיטגלידער פונ'ם אַרבעטער־רינג.

עס איז געווען אַ מעסער אין דער זייט פון די סטרייקער צו זען אָט די „ברידער" פונ'ם אַרבעטער־רינג אין דער ראָלע פון סקעבס. דאָס בלוט און די גאַל פון די סטרייקער האָבן געקאָכט. מ'האָט געדאַרפט אַראָפּנעמען דעם פלעק פונ'ם אַרבעטער־רינג. די „פרייהייט" האָט די שאַנד ניט געקענט פאַרשווייגן. די דיסטריקט קאָמיטע פונ'ם אַרבעטער ־רינג האָט ענדלאַך גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַרום 150 באָסעלאַך — מיטגלידער — סקעבס. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט צו דער פאַרזאַמלונג געשיקט איר דירעקטאָר פון ניו דזשוירזי סטייט — אַ ריעל עסטייטניק און פּראָצענטיק. יענער האָט אָנגעהויבן מיט אַן אָנפאַל אַף דער „פרייהייט" פאַר דערציילן דעם סקאַנדאַל אין דער עפנטלאַכקייט. אָבער ווען די באָסעלאַך־סקעבס האָבן נאָכדעם דערקלערט, אַלע אַ חוץ איינעם, אַז זיי וועלן די אַרבעט ניט אָפּשטעלן, אַז זיי זיינען ניט קיין יוניאָן־לייט און ניט קיין אַרבעטער און ווילן פונ'ם סטרייק ניט וויסן — האָבן די דיסטריקט קאָמיטע און דער נאַציאָנאַלער אָפיס קעגן די סקעבס גאָר ניט געטאָן.

דער קאַמף אין פּעטערסאָן האָט זיך צעפלאַקערט. אַ טייל לאָקאַלע ברענטשעס האָבן זיך אָפּגערופן. ברענטש 421 האָט באַשלאָסן צו פּיקעטן די הייזער פון די סקעב־באָסעלאַך, וואָס געהערן צום אַרבעטער־רינג, און האָט באַשטראָפט אַ באָסל מיט 99 דאָל. און 99 סענט. ברענטש 106 האָט באַשטראָפט צען באָסלאַך יעדן מיט 99 דאָלער און 99 סענט. די פּעטערסאָן קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי האָט לויט'ן פאַרלאַנג פון דער סטרייק־קאָמיטע אויסגעשלאָסן דריי סקעב־באָסלאַך פון איר פאַרוואַלטונג. די סטרייק־קאָמיטע האָט געשיקט אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע צו דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע פונם' אַרבעטער־רינג אָנצוקלאָגן די סקעבישע מיטגלידער פונ'ם אַרבעטער־רינג.

דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט זיך ניט אָפּגערופן. דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק אַף דער סקעב־

אַרבעט פון די פּעטערסאָנער באַסלאָך, וואָס געהערן צום אַרבעטער־רינג. דער ווײ־געשרײ פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן האָט די אָפיציעלע פירער ניט גערירט.

ווען ח׳ יודיטש האָט דעם 23טן אויגוסט פאַרעפנטלאַכט אַן אָפענעם בריוו צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וואו ער, אַלס אַרבעטער־רינג מיטגליד, האָט געפרעגט: „ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט מיך מיט סקעבס צו פאַרבינדן? צו מיר האָט איר צוגעשטעלט אַן עקלהאַפטע קאָמפּאַניע. נידעריגע ברואים האָט איר געמאַכט פאַר מײנע פרײנט און סקעבס האָט איר געמאַכט פאַר יחסנים פון מײן אַרבעטער־אָרדען“, — האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס“ אַן אָפיציעלן ענטפער, וואו זי זאָגט, אַז זי איז ניט שולדיק, וואָס „אַ קלײנע צאָל מיטגלידער“ העלפן ברעכן דעם סטרײק פון די פּעטערסאָנער וועבער, אַז די סטרײק־ברעכער מוזן פריער אָנגעקלאָגט ווערן אין זײערע ברענטשעס, אַז דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט אפילו ניט קײן צעטל מיט די נעמען פון די סטרײקברעכער און אַז די „לינקע טומלער“ מאַכן „פּראָוואָקאַציעס“ מיט „בלבולים“.

דער דאָזיקער ענטפער פאַרענטפערט קײן זאַך ניט, און דאָס האָט ח׳ יודיטש אָנגעוויזן אין זײן צווײטן בריוו צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע (17טן סעפּטעמבער). קײנער האָט ניט אָנגעקלאָגט די עקזעקוטיווע, אַז זי אַלײן איז שולדיק אין סטרײק־ברעכערײ, אָבער מ׳האָט זי באַשולדיקט, וואָס זי נעמט ניט קײן דיסציפּלינאַרע מיטלען קעגן די סטרײק־ברעכערישע עלעמענטן. וואַרטן ביז די אָרטיקע ברענטשעס וועלן אָנקלאָגן די סקעבס איז ניט מער ווי אַן אויסרײד, ווײל די עקזעקוטיווע האָט זיך דערלויבט ניט אײנמאָל און ניט צען מאָל מאַכן פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פאַר מעמבערס עט לאַרדזש, ניט וואַרטנדיק אַף די ברענטשעס. אַז דאָס איז אַן אויסרײד, זעט מען דערפון, וואָס נאָכדעם ווי ברענטש 106 און 421 האָבן יאָ אויפגעהויבן אָנקלאָגן קעגן די סקעבס, איז דער נאַציאָנאַלער אָפּיס אַלץ געבליבן פרײנדלאָך צו די פאַרברעכער. וואָס איז שײך אַ צעטל פון נעמען, האָט ח׳ יודיטש אָפּגעדרוקט אין דער פרײהײט“ גאַנצע 120 נעמען פון סקעב־באָסעס — מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג, און וואָלט דער נאַציאָנאַלער אָפּיס געוואָלט אַ ריר טאָן מיט אַ פינגער, וואָלט ער די גאַנצע אינפאָרמאַציע אָפיציעל געקראָגן אין אײן טאָג. ער האָט דאָס ניט געוואָלט.

דער וואָרט־שטרײט צווישן ח׳ יודיטש׳ן און דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו האָט אַרויסגעבראַכט אַן אַנדער פאַקט. נאָך אין 1919 האָט די דעמאָלטדיקע עקזעקוטיווע געמאַכט אַ גרויסן טײל פון די סקעב־באָסלאָך פאַר מעמבערס עט לאַרדזש. ניט וואַרטנדיק ביז יעדער אײנער פון זײ וועט אָנגעקלאָגט ווערן אין זײן ברענטש. עס איז דעמאָלט פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די אַלע באָסלאָך מוזן וואָס גיכער אינגאַנצן באַזײטיקט ווערן פונ׳ם אַרבעטער־

רינג. זינט אָבער די אָפיציעלע פירערשאַפט האָט זיך גענומען רוקן אַף ר ע כ ט ס , צום בורזשואַזן פליגל, האָט מען די באַס־לאַך ווידער אריינגענומען אין די ברענטשעס אַלס פ ו ל ב א ־ ר ע כ ט י ק ט ע מיטגלידער און מ׳האָט זיך אפילו מיט זיי אָנגעהויבן חבר׳ן, ווי מיט חשוב׳ע פריינט.

דורך דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט ניט באַ־שטראָפט קיין א י י נ צ י ק ן פון די סקעב־באָסלאַך, און דורך דעם, וואָס די נעשאָנאַל באָארד און דירעקטאָרס האָט נאָך אראָפּ־גענומען פון א סקעב די שטראָף פון 99 דאָלער מיט 99 סענט, וואָס א ברענטש האָט אַף אים ארויסגעלייגט, האָבן זיי זיך אַפן סאָלידאריזירט מיט די סקעבס.

אָפיציעלע פירערשאַפט לאָזט ניט אַריין אַרבייטער אין אָרדען.

פון וואַנען זאָלן צוקומען אין אַרבעטער־רינג נייע מיטגלי־דער ? די באַלעבאַטישע עלעמענטן זיינען פויל און נאַכלעסיג, ווען עס קומט צו געזעלשאַפטלאַכע פראַגן. די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, דערהויפּט די וואָס זיינען מער רעוואָלוציאָנער, אקטיוו און רירעוודיק לאָזט די פירערשאַפט ניט אַריין אין אָרדען.

עס איז נאַטירלאַך, אַז פּראָלעטאַרישע עלעמענטן זאָלן זיך ציען צום אַרבעטער־רינג. אָבער די אָפיציעלע פירער־שאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג וויל מער זען אין אָרדען באַלע־באַטישע עלעמענטן אָדער אַזוינע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אונ־טער באַלעבאַטישן איינפלוס. זי וויל ניט זען קיין קלאַסן־באַ־וואוסטע, קעמפערישע פּראָלעטאַריער מיט א האַס צו דער קאַ־פּיטאַליסטישער מלוכה. איר פּאָליטיק איז דעריבער געווענדט צו שטעלן שטרויכלונגען אַפן וועג פון אַזוינע פּראָלעטאַריער, ווען זיי ווילן אַריינטרעטן אין אַרבעטער־רינג.

מיר וועלן שוין ניט ריידן דערפון, וואָס די פּאָליטיק פון דער פירערשאַפט שטויסט אָפּ די מער וואַקלדיקע עלעמענטן און שלאָגט באַ זיי אָפּ דעם חשק פון אַריינגיין אין אָרדן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די באַוואוסטזיניקע לינקע רופן זיי נאָכאַנאַנד זיך אָנצושליסן אָן אַרבעטער־רינג, מיר ריידן וועגן דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע בע־אַמטע לאָזן ניט אַריין אַזוינע פּראָלעטאַריער, וואָס דערלאַנגען אַפּ־ליקאַציעס אַף צו ווערן מיטגלידער פונ׳ם אַרבעטער־רינג. מיר ריידן וועגן דעם, וואָס די אָרטיקע ברענטשעס ,וואו עס הערשן די בורזשואַזע עלעמענטן, פירן אָן די זעלביקע פּאָליטיק.

אָט זיינען א פּאָר ביישפּילן פון פילע :

אין מ אָ ל ד ע ן , מאַסס., איז דאָ א ברענטש, וואו די קאָנסערוואַטיווע הערשן. די לינקע, די מער פּראָלעטאַרישע, האָבן זיך געוואָלט אָפּטיילן פונ׳ם אַלטן ברענטש, וואו זיי ווערן נאָכאַ־נאַנד פאַרפאָלגט, און גרינדן א באַזונדערן, א נייעם. וואָס וואָלט צוגעצויגן נייע קרעפטן. דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט זיי אין

דעם אָפּגעזאָגט, האָבן זיי גענומען צונויפקלייבן די יעניקע פּראָ־לעטאַרישע עלעמענטן. וואָס וואָלטן געקענט צושטיין צו אַ נייעם בּרענטש, נאָר וואָס ווילן ניט אַריינגיין אין אַלטן צוליב זיין רעאַקציאָנערן פּנים. מ'האָט צענויפגעקליבן 25 נייע צוקונפטיקע מיטגלידער, וואָס לויט דער קאָנסטיטוציע איז אַזאַ צאָל גענוג צו אָרגאַניזירן אַ נייעם בּרענטש דאָרט, וואו איינער איז שוין דאָ. אין מאַי 1924 האָבן אָט די 25 אַפּליקאַנטן דערלאַנגט אַ בּקשה, מען זאָל זיי געבן אַ טשאַרטער אַף אַ נייעם בּרענטש. פון די 25 אַפּליקאַנטן זיינען 6 געוועזן שניידער, 1 קלאָוקמאַכער, 2 קאַטערס, 2 פּרעסער, 2 אַפּאָלסטערערס, 1 מאַטראַצנמאַכער, 1 לעדער סטיטשער, 2 בּלעכער, 1 קעבינעט מייקער, 1 קאַרפּענטער, 1 פּרינטער, 1 זייגערמאַכער, 1 בּעקער, 2 פּיינטערס און 1 פּעדלער. פון די 24 אַרבּעטער האָבן 14 געהערט צו די יוניאָנס פון זייער פאַך. פון די 25 אַפּליקאַנטן זיינען 18 געוועזן אין עלטער צווישן 20 און 35 יאָר. דער דאָקטאָר האָט זיי אַלעמען אונטערזוכט און געפונען געזונט. דער אַלטער בּרענטש פון מאָלדען האָט גע־געבן זיי צושטימונג אַף דער גרינדונג פון אַ נייעם בּרענטש (ווי דאָס פאָדערט די קאָנסטיטוציע). די דיסטריקט קאָמיטע האָט אויך צוגעשטימט. דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט אָנגעזאָגט. קיין בּרענטש איז ניט געגרינדעט געוואָרן. אַ גוטער פּראָלעטאַרישער בּר. וואָס וואָלט געקענט אַ סך אויפטאָן, איז פאַרלוירן געגאַנגען פאַר'ן אַרבּעטער־רינג.

אַף דעם זעלבּיקן אופן האָט דער נאַציאָנאַלער אָפיס אָפּגע־וואָרפן די גרינדונג פון נייע בּרענטשעס מיט נייע מיטגלידער אין בּראָ פּאַרק, ניו יאָרק, ריטשמאָנד, ווירדזש., און עליזאַבּעט, נ. דזש.

ווי די ניו יאָרקער קייען, אַזוי טוען די אָרטיקע רעכטע שפּייען.

אין ניו הייווען האָט מען אין בּר. 232 אַרבּעטער־רינג פאַרגעשלאָגן פאַר מיטגלידער דעם סעקרעטאַר פון דער אי־דישער פּיינטערס יוניאָן לאָקאַל 4 און איין טעטיקן מיטגליד פון דער יוניאָן. די „בּאָאַרד אָוו קענדידייטס“ האָט זיי אונטערזוכט און בּאַריכטעט „פּאַסיק“. דער דאָקטאָר האָט זיי געפונען געזונט. די צוויי יוניאָן טוער וואָלטן געווען געוויס אַ געווינס פאַר'ן אַר־בּעטער רינג. איז אָבער דאָ אַ כּלל, אַז ווען 5 מיטגלידער פּראָטעס־טירן (אָבּדזשעקטן) קעגן די קאַנדידאַטן, קענען זיי ניט אַריינגע־נומען ווערן אין בּרענטש. קעגן די צוויי פּיינטערס האָבּן 5 מיט־גלידער פון'ם בּרענטש 232 „אָבּדזשעקטעט“. פון די 5 זיינען 2, בּאָלאָטין און סטאַק, העכסט אינטערעסאַנט. בּאָלאָטין איז דער סעקרעטאַר פון דער אידישער בּאָסעס פּיינטערס אַסאָסי־איישאָן, און סטאַק איז אַ געוועזענער סקעבּ, וואָס האָט געאַרבּעט אין דער צייט פון'ם פּיינטערס סטרייק פון 1916 און נאָכדעם, ווען ער איז אַליין געוואָרן אַ בּאָס, האָט ער געהאָלפן מיט דער הילף פון סקעבּס בּרעכן אַ צווייטן פּיינטערס סטרייק. איצט איז

ער ווידער אַן אַרבעטער, אָבער קיין מיטגליד אין דער יוניאָן איז ער ניט.

אַט אַזוי האָט דער אַרבעטער־רינג דערלעבט צו זען די שאַנד, ווי אַזוי אַ סעקרעטאַר פון די פיינטער באַסעס לאָזט ניט אַריין אין אַרבעטער־רינג אַ סעקרעטאַר פון דער פיינטערס לאָקאַל יוניאָן און ווי אַזוי אַ סקעב לאָזט ניט אַריין אין אַרבעטער רינג די פי־רער פון סטרייקס. קיין גרעסערע שאַנד פאַר אַן אָרדען, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַ ר ב ע ט ע ר ־ ר י נ ג, קען מען זיך ניט מאָלן. דער נאַציאָנאַלער אָפיס וואָס ווערט אַזוי גיך געוואָר וועגן די רעדעס און האַנדלונגען פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, און וואָס איז אַזוי פלינק אין באַשטראָפן יעדן פון זייערע טוער און וואָרט־פירער, האָט פאַרמאַכט ביידע אויגן אויף דער שאַנד. ער האָט געלאָזט דעם סעקרעטאַר פון די באַסעס און דעם סקעב־פי־רער באַצירן דעם אַרבעטער רינג מיט זייער מיטגלידערשאַפט. ער האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן זיי דעם מינדסטן אויס־רייד.

אין ט אָ ר אָ נ ט אָ האָט מען די פּאָליטיק פון ניט דער־לאָזן פּראָלעטאַרישע מיטגלידער דערפירט צו אַ פאַרס. אין נאָוועמ־בער 1924 האָט מען דאָרט פאַרגעשלאָגן פיר קרעפטיקע אומפּאַר־טייאישע אַרבעטער, מיטגלידער פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, אין בר. 554 אַרבעטער רינג. דער ברענטש, אונטער דער פירער־שאַפט פון די רעכטע, האָט די פיר צוריקגעוויזן נאָר אויס מורא, אַז דורך זיי זאָל דער פליגל ניט ווערן שטאַרקער. אַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן, אַז אַזוי ווי דער ברענטש טראָגט דעם נאָמען „אַמאַלגאַמייטעד מעדעם ברענטש“, מוז יעדער קאַנדידאַט שווערן, אַז ער איז איינשטימיק מיט מעדעמ'ען, אויב ניט קען ער אין בר. ניט אַריין. די רעזאָלוציע איז אי אומזיניק, אי אומגעזעצליך. זי איז אומזיניק, ווייל קיינער קען ניט שווערן צו זיין איינשטימיק מיט אַ טויטן אין לעבעדיקע פראַגן פון יעדן טאָג. זי איז אומגע־זעצלאַך, ווייל לויט דער קאָנסטיטוציע פונ'ם אַרבעטער רינג טאָר מען אַזאַ שבועה ניט פאַרלאַנגען. האָט דער נאַציאָנאַלער אָפיס פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ נאַרישער און אומגעלומפּערטער האַנדלונג? האָט ער באַשטראָפט דעם ברענטש? ניין. אַזוי ווי דאָס איז גע־ווען אַ טריט קעגן די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, איז דאָס אים גע־ווען ניחא. פאַרפאָלגט האָט ער און באַשטראָפט האָט ער חבר קאַסטרעלן, ווען יענער האָט אין אַן עפנטלאַכער רעדע אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק האַלט אויף פונ'ם אַרבעטער־רינג אַ סך געזונטע און טעטיקע אַרבעטער, וואָס יעדע אַרבעטער אָרגאַניזאַ־ציע וואָלט מיט זיי געקאָנט שטאָלצירן. דאָ האָט דער נאַציאָנאַלער אָפיס געהאַט אי בליץ־שנעלע אינפאָרמאַציע, אי איניציאַטיווע.

צווישן די ניט אַריינגענומענע דאָרט מען פאַרצייכענען חבר שכנא עפּשטיין, וואָס איז געווען אַ לאַנגע צייט אַ מיטגליד פון א. ר., אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון א. ר. און

טשערמאַן פון דער עדיוקיישיאָנאַל קאָמיטע. ח׳ שכנא עפשטיין איז צוואַנציק יאָר געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע און רוסלאַנד. ער איז אַרויס פון א. ר. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. ח׳ עפשטיין האָט דערלאַנגט אַן אַפּליקאַציע. דער דאָקטאָר האָט אים געפונען געזונט. די רעכטע טוער האָבן אים גע׳פּסל׳ט. באַסעם טויגן אין א. ר. אַזעלכע ווי ש. עפשטיין פאַרוואַרפט מען.

אַנטי פּראָלעטאַרישע אַקטען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע.

נעמט אַ טויזנט אַרבעטער פון וועלכן פאַך איר ווילט, נעמט די ערשטע בעסטע פּאַרטייאישע אָדער אומפּאַרטייאישע טויזנט אַרבעטער און פרעגט זיי, ווי זיי פאַרהאַלטן זיך צו דער רוסישער רעוואָלוציע און צו דער סאָוועט־רעפּובליק — און אַ ריזיקע מערהייט וועט זיך אַרויסזאָגן פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר דער נייער אָרדנונג. נעמט אַ טויזנט בורזשואזע מענטשן, די ערשטע בעסטע טויזנט עלעמענטן פון דער הויכער, מיטעלער און קליינבורזשואזיע, און שטעלט זיי די זעלביקע פראַגע — און אַ גרויסע מערהייט וועט זיך אַרויסזאָגן קעגן דער רעוואָלוציע און קעגן די סאָוועטן. שטיצן די סאָוועט אָרדנונג איז פּראָלעטאַריש; באַקעמפן די סאָוועט אָרדנונג אונטער דעם אָדער יענעם אויסרייד איז בורזשואזיש.

די איצטיקע פירערשאַפט פונ׳ם אַרבעטער־רינג האָט נאָכאַנאַנד באַקעמפט די סאָוועט רעפּובליק און נאָכאַנאַנד זיך אָפּגעזאָגט שטיצן די נויטבאַדערפטיקע אין דער סאָוועט־רעפּובליק. דערמיט האָט זי נאָר דערפילט דעם וואונש פון די בורזשואזיע עלעמענטן אינ׳ם אַרבעטער־רינג.

א. נאָך אַף דער קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ (מאַי 1922) האָט מען לויטן וואונש פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט די באַפרייאונג פון די פּאָליטישע געפאַנגענע אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס דאָס הייסט פאָדערן פרייהייט פאַר דער קאָנטר־רעוואָלוציע. די קאָנווענשאָן פונ׳ם אָרדען, וועלכער דאַרף זיין פּראָלעטאַריש־אינטערפּאַרטייאיש, האָט זיך דאָ געשטעלט קעגן דער ריזיקער מערהייט פונ׳ם רוסלענדישן אַרבעטער־קלאַס און פּראָגרעסיווע פויערים וואָס גייען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און האָט אויסגעדריקט באַזונדערע סימפּאַטיע צו די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע און די פּראָלעטאַריש־פויערשע הערשאַפט. די אָפיציעלע טוער האָבן דערמיט געטאָן אַ באַזונדערן נחת רוח דער בורזשואזיע.

ב. דורך דער גאַנצער צייט נאָך דער טאָראָנטער קאָנווענשאָן איז די קולטורעלע טעטיקייט אין אַרבעטער־רינג געשטאַנען אַף אַ נידעריקער מדרגה, מען האָט אַרויס־

געשיקט זייער ווייניק לעקטאָרס איבער'ן לאַנד, אָבער די וואָס מען האָט יאָ אַרויסגעשיקט (גאַלאַצקי, יצחק אייזיק הורוויטש, בן־ציון) האָבן געהאַט אַ מאַנדאַט — פירן אַגיטאַציע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד און קעגן קאָמוניזם. ס'האָט זיך באַשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די איינ־ציקע לעקציע־אַרבעט, וואָס דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט געפירט, איז געווען קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און אירע פּרינ־ציפּן. דער פאַרשטאָרבענער יצחק אייזיק הורוויטש איז ניט געווען קיין חשוב באַם אַרבעטער־רינג. ערשט ווען ער איז געקומען פון רוסלאַנד און מ'איז געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ פאַרביטערטער שונא, האָט דער נאַציאָנאַלער אָפּיס אים אָנגעשטעלט פאַר אַ הויכן פּרייז אויפצוקלערן דעם אַרבעטער־רינג, וואו צענדליקער טויזנ־טער מיטגלידער זיינען מיט לייב און לעבן פאַר דער סאָוועט־רע־פּובליק. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט ניט געקענט שענער נושא חן זיין באַ דער אייגענער און אַלוועלטלאַכער בורזשואַזיע.

ג. אַף דעם 25טן מאַי, 1924, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקו־טיוו פאַררופן אין ניו יאָרק אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער־רינג ברענ־טשעס צו אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון הילף פאַר די אידישע שולן אין אויסלאַנד. אַף דער קאָנפערענץ זיינען געקומען פאַרטרע־טער פון פ א ר ש י ד ע נ ע ברענטשעס, סיי אַזוינע, וואָס זייערע מיטגלידער שטאַמען פון רומעניע, ליטע און פּוילן, סיי אַזוי־נע, וואָס זייערע מיטגלידער שטאַמען פון רוסלאַנד, ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט רעקאָמענדריט אַז מ'זאָל אַרויפלייגן אַ טעקס פון 40 סענט אַ יאָר אַף אַלע מיט־גלידער פונ'ם אַרבעטער רינג. די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקו־מען צו דער קאָנפערענץ, האָבן ניט געצווייפלט אַז עס האַנדלט זיך וועגן הילף פאַר אידישע שולן אין א ל ע אויסער־אַמעריקאַני־שע לענדער. אַף דער קאָנפערענץ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט גערופן די קאָנפערענץ צו שאַפן הילף פאַר אַלע אידישע שולן, אויסער סאָוועט רוסלאַנד, סאָוועט ווייס־רוסלאַנד און סאָוועט־אוקראַינע. אַזוי האָט דאָס אויסדריק־לאַך דערקלערט דער פּרעזידענט פונ'ם אַרבעטער רינג, וויינבערג. ווען 46 פאַרטרעטער פון 35 ברענטשעס האָבן קעגן אַזאַ אויס־נאַם געזעץ פּראָטעסטירט, האָט מען זייער פּראָטעסט איגנאָרירט.

די מאָטיוון פון די אָפיציעלע טוער זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אַזוי: ערשטנס, האָבן זיי געזאָגט, זיינען די אידישע שולן אָנער־קענט פון דער סאָוועט־רעגירונג; צווייטנס, וויל מען העלפן בלויז עקאָנאָמיש־רואינירטע לענדער; דריטנס, האָבן די אַרבע־טער־רינג טוער צוגעזאָגט דעם בונדיסט מיכאַלעוויטש, וואָס איז געהאַט געקומען פון פּוילן נאָך הילף פאַר די דאָרטיקע אידישע שולן; פערטנס, ווילן זיי ניט „פּיקסן" דאָס, וואָס ס'איז קאַליע געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, זיי ווילן ניט „באַ די איצטיקע אומ־שטענדן" העלפן סאָוועט־רוסלאַנד; ווען די „אומשטענדן" וועלן זיך ענדערן, וועלן די איצטיקע טוער פונ'ם אַרבעטער־רינג העלפן.

עס איז קלאָר, אַז די פּערטע טענה איז די איינציקע אמת׳ע: די אָפיציעלע טוער פון׳ם ארבעטער רינג זיינען געבליבן געטריי דער בורזשואַזיע, וועלכע איז קעגן „די איצטיקע אומשטענדן“, ד. ה. קעגן דער הערשאַפט פון דעם ארבעטער־קלאַס. אַלע איבעריקע זיינען אַזאַ אָפענער פאַלשער אויסרייד, אַז ס׳איז ניט כדאי צו ריידן וועגן זייער פאַלשקייט.

ווען די 46 דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט באַיקאָטירן סאָוועט־רוסלאַנד, ווען די שפּאַלטונג האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אַף אַ גאַנצע ריי פּראָווינציעלע קאָנפערענצן, וועלכע מ׳האָט פאַררופן מיט דעם זעלביקן צוועק און אין וועלכע די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל פון דער הילף־אַקציע אויסשליסן די שולן פון דער סאָוועט־רעפּובליק, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע געפּרואווט זיך פאַרענטפערן מיט אַן אַנדער תירוץ. אין אַ צירקולאַר־בריוו, וואָס זי האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו די ברענטשעס, האָט זיך געשריבן אַזוי: "וועגן דער לאַגע פון די אידישע שולן אין רוסלאַנד האָבן מיר איצט ניט געהאַנדלט און מ׳האָט זיך צו אונז נאָך שטיצע ניט געווענדעט". ס׳האָט זיך געדאַרפט באַשאַפן דער איינדרוק, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע ווייסט גאָר ניט צו זאָגן וועגן דער נויט פון די שולן אין סאָוועט־פאַרבאַנד. דער ליגן איז אויפגעדעקט געוואָרן פון מ. ראַשקעס, פאַרשטייער פון „אידגעזקאָם“, „אָרט“ און „קולטור־ליגע“ אין סאָוועט־פאַרבאַנד. אין אַ בריוו אין דער „פרייהייט“ פון 8טן אויגוסט, 1924, שרייבט ער, אַז אין פרילינג 1923 האָט די אַמעריקאַנישע פאַרשטייערשאַפט פון „אידגעזקאָם“ איבערגעשיקט צום ארבעטער־רינג אַן אויפרוף פון פּרעזידיום פון „אידגעזקאָם“ וועגן הילף פאַר די אידישע היימלאָזע קינדער: זומער 1923 האָט די אַמעריקאַנער פאַרשטייערשאַפט פון „אידגעזקאָם“ איבערגעגעבן דער נאַצ. עקזעקוטיוו פון א. ר. צוויי בריוו פון קיעווער קאָמיסיע פון „אידגעזקאָם“ וועגן הילף פאַר די קינדער אַנשטאַלטן פון דעם קיעווער ראַיאָן, וואָס האָט אָם מערסטן געליטן פון פּאָגראָמען; דריטנס, האָט ער, ראַשקעס, דעם 24טן מאַי אַליין געשיקט אַן אויספירלאַכע טעלעגראַמע צו דער הילף־קאָנפערענץ פון׳ם ארבעטער־רינג, וואו ער האָט אָנגעוויזן אַף דער גרויסער נויט פון הונדערטער אידישע קינדער־אינסטיטוציעס אין סאָוועט־פאַרבאַנד, וועמען די רעגירונג האָט ניט קיין כח אינגאַנצן אויסצוהאַלטן מיט אירע אייגענע מיטלען.

ניט נאָר האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע באָיקאָטירט די אידישע קינדער פון דעם סאָוועט־פאַרבאַנד אויס מורא, טאָמער וועט דאָס שטאַרקן די סאָוועט־אָרדנונג; ניט נאָר האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע געשפּילט פּאָליטיק מיט די אָרימע אידישע יתומים און שול־קינדער — קרבנות פון די שוידערליכסטע פּאָגראָמען; ניט נאָר האָט זי געוואָלט מאַכן דעם גאַנצן אר־

בעטער־רינג אַ שותּף צו דער דאָזיקער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, נאָר זי האָט נאָך געזאָגט אַן אָפּענעם ליגן פאַר דעם גאַנצן אָרדען, אַז מ׳האָט זיך צו איר נאָך שטיצע ניט געווענדט. חבר ראַשקעס האָט אָנגעגעבן דעם נומער פון דער טעלעגראַמע, וואָס ער האָט געשיקט פון דענווער. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע און דער פּרעזידענט האָבן אפילו ניט מיטגעטיילט דער קאָנפערענץ, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ טעלעגראַמע. זיי האָבן קיינמאָל אפילו ניט געענטפערט אַף די נויט־רופן פון סאָוועט־פאַרבאַנד. זיי האָבן דאָס אַלץ געהאַלטן אין געהיים פונם אָרדען.

אַלע אידישע שולן זיינען גוט באַ דער פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג, נאָר ניט די שולן פון דעם לאַנד, וואו די אַרבעטער הערשן. אַלע אידישע קינדער פאַרדינען הילף, נאָר ניט די קינדער, וועמעס טאַטעס זיינען אפשר רעוואָלוציאָנערן און וועמעס צוקונפט איז פריי פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

„בראַוואָ !“ — אַזוי האָט די בורזשואַזיע געדאַרפט אַפּלאָדירן אירע משולחים אין אַרבעטער־רינג.

ד. לגבי דעם באָיקאָט פון די קינדער־שולן אין סאָוועט־פאַרבאַנד זיינען שוין די שליסלען, וואָס מ׳האָט אָנגעבאָטן אַבראַמאָוויטש, פון קלענערער באַדייטונג. דאָך מוז דערמאָנט ווערן, אַז בשעת צענדליקער טויזנטער אידישע אַרבעטער איבער׳ן גאַנצן לאַנד האָבן ביטער און צאָרנדיק פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן אַגענט פונ׳ם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז ספּעציעל געקומען אַגיטירן קעגן דער פּראָלעטאַריש־פּויערשער רעגירונג און דערמיט דינען דעם אַלוועלטלאַכן אימפּעריאַליזם, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונ׳ם אַרבעטער־רינג אַף זיין קבלת פּנים אין ניו יאָרק אים געלאָזט וויסן, אַז מ׳גיט אים איבער די שליסל צום אַרבעטער רינג.

ווען ס׳וואָלט באמת געווען אַזאַ גרויסע געביידע, וואָס וואָלט אַריינגענומען אַלע מיטגלידער פונ׳ם אַרבעטער־רינג, און ווען אַבראַמאָוויטש, באַקומענדיק דעם שליסל, וואָלט געסמייעט אַריינגיין אינווייניק אין דער געביידע, וואָלט ער פון אַ גרויסער מערהייט באַקומען אַזאַ ברוך הבא, אַז עס וואָלט אים פינצטער געוואָרן אין די פאַררעטערישע אויגן. אָבער וואָס אַרט דאָס די אָפיציעלע פירער ? די באַלעבאַטיש־בורזשואַזע עלעמענטן זיינען געווים מיט אַבראַמאָוויטש׳ן צופרידן.

טעראָר קעגן פּראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן

אין דער גאַנצער וועלט האַלט זיך די בורזשואַזיע אין מאַכט מיט דער הילף פון פאַלשקייט און טעראָר. מיר האָבן געזען די פאַלשקייט וואָס די אָפיציעלע פירערשאַפט פאַרשפּרייט צו שיצן איר הערשאַפט אינ'ם אַרבעטער־רינג. זי איז אויך ניט הינטער־טשעליק אין פּרט פון טעראָר.

1. אפילו אין איר נייער קאָנסטיטוציע זאָגט די פירערשאַפט אַז אַ מיטגליד פונ'ם אַרבעטער־רינג דאַרף שטימען פאַר די פּאַר־טייען, וואָס שטעלן אַרויס אין זייער פּראָגראַם „די איינפירונג פון פּאָליטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט". טעאָ־רעטיש וואָלט דאָס געהייסן, אַז דער אַרבעטער־רינג פאַרהאַלט זיך פיינדליך צו אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען קעגן פּאָליטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט, און ער פאַר־האַלט זיך פריינטליך, אָדער לכל הפחות טאָלעראַנט, צו אַ ל ע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, וואָס זיינען פ אַ ר די דאָזיקע צוויי זאַכן. פּאַקטיש ווייזט זיך אַרויס, אַז די פירערשאַפט פונ'ם אַרבע־טער־רינג פירט מלחמה קעגן דער קאָמוניסטישער וואָרקערס פּאַר־טיי, קעגן דעם אידישן טייל (די אידישע פעדעראַציע) פון דער וואָרקערס פּאַרטיי און קעגן איר אָרגאַן די „פרייהייט" אַף דער קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ זענען ספּעציעלע רעזאָלוציעס אָנגע־נומען געוואָרן קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער „פריי־הייט". דער „פריינט" הערט ניט אויף צו פירן אַ גיפטיקע העצע קעגן די קאָמוניסטן, זייער פּאַרטיי און זייער אָרגאַן.

איז אפשר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קעגן פּאָליטישער פריי־הייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט פאַר די ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן ? דאָס קענען אפילו די אָפיציעלע וואָרט־פירער פונ'ם אַרבעטער־רינג ניט באַהויפּטן. פאַר וואָס־זשע פירן זיי אַ פאַר־ביסענע מלחמה קעגן די קאָמוניסטן ? ערשטנס, ווייל די קאָמו־ניסטן שטרעבן איינצופירן פּאָליטישע פרייהייט און עקאָנאָמישע גלייכהייט נאָר פאַר די מ אַ ס ן , און ניט פאַר דער בורזשואַ־זיע : זיי שטרעבן איינצופירן פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור ; — צווייטנס ווייל די קאָמוניסטן פאַרטרעטן דעם פּראָלעטאַרישן גייסט און די פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע אינ'ם אַרבעטער־רינג.

ס'האָט זיך באַשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די מיטגלידער, וואָס דיינ־קען ערנסט וועגן דער נויטווענדיקייט אומצואוואַרפן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, ווערן אין אַר־בעטער־רינג געשטעלט אויסער געזעץ. און די מיטגלידער, וואָס סמייען קריטיקירן די אָפיציעלע פירערשאַפט און פאָדערן אַ מער פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, ווערן געיאָגט און אונטערדריקט ווי פאַר־ברעכער.

אין א. ר. זיינען דאָ רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן, אָפּע־נע מיטגלידער פון קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. אין אַרבעטער־רינג זיינען אפילו דאָ קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס, וואָס טרעטן אויף ווי קאַנדידאַטן פון דער רעפּובליקאַנער אָדער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיי בלייבן אומבאַשטראָפט. זיי זיינען ווילקאָמען. די קאָמוניסטן פאַרפאָלגט מען.

2. ב ר ע נ ט ש 615. דער ברענטש האָט געהאַט אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער. דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער האָט געשפּילט אומעטום, אַף אַלערליי אַרבעטער־שמחות. האָט ער אָנגענומען אויך די איינלאַדונג צו שפּילן אַף אונטערנעמונגען פון דער וואָר־קערס פּאַרטיי. דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט אים פאַרבאָטן אויפ־טרעטן אַף דעם 5 יאָריקן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער אָרקעסטער האָט געהאַלטן, אַז דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט ניט די יוריסדיקציע אים צו דיקטירן, וואו ער זאָל שפּילן און וואו ניט. דער אָרקעסטר האָט זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן צו פייערן דעם טאָג פון דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן זיג. דערפאַר האָבן זיך אָנ־געהויבן רדיפות. די מיטגלידער האָבן פּראָטעסטירט, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. אין מאַי 1924 האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אויפגעלעזט דעם ברענטש 615 און געמאַכט אַלע זיינע מיטגלידער פאַר מעמבערס עט לאַרדזש. אין אַרבעטער־רינג מעג מען שטיצן די ערגסטע רעאַקציע, מען מעג שפּילן אפילו פאַר טעמעני האָל און פאַר'ן טיוול. מען טאָר אָבער ניט שפּילן צו אַ רעוואָלו־ציאָנערן יובילײ. פרייט זיך, באַלעבאַטים! ס'איז א י י ע ר צייט אינ'ם אַרבעטער־אָרדען!

3. ב ר ע נ ט ש 217. דער ברענטש 217, דער לענין ברענטש אין דעטראָיט, מיש., איז געווען אַ לעבעדיקער, אַ פּראָ־לעטאַריש־געשטימטער, אַ ברענטש פול מיט אינטערעס צו גע־זעלשאַפטלאַכער און קולטורעלער אַרבעט, ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּאָלטן פון דעם אַלטן ברענטש 156, וואו עס זיינען פאַר־בליבן ס'רוב בורזשואַזע עלעמענטן און אין אַ קורצער צייט האָט ער יענעם פאַררוקט אין שאָטן, ער האָט צוגעקראָגן נייע מיטגלי־דער ד. ה. ער האָט פאַרגרעסערט די רייען פונ'ם אַרבעטער־רינג ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַלע אידישע יוניאָנס, סאָסייעטיס און מיט דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפטלאַכער אַר־בעט פון דעטראָיט. ער האָט זיך ברייט אָפּגערופן אַף אַלע פראַגן פונ'ם טאָג־טעגלאַכן לעבן סיי אין אַמעריקע, סיי אין אויסלאַנד. ער האָט אָבער געהאַט דעם מוט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם באָי־קאָט פון דער נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע אַף די אידישע שולן אין סאָוועט־פאַרבאַנד. דערפאַר האָט די עקזעקוטיווע אויפגעלייזט דעם ברענטש. ניטאָ מער דער לענין־ברענטש. געבליבן בלויז 120 „מעמבערס עט לאַרדזש". דער אויסרייד איז געווען, אַז דער בר. האָט די שטעלונג פון די אָפּיציעלע טוער כאַראַקטעריזירט אַלס אַ „העסלאַך־ברוטאַלע און אומפאַראַנטוואָרטלאַכע שטעלונג צו די

אידישע קינדער־אַנשטאַלטן". פאַר אַט די ווערטער האָט מען דאָס, כלומר'טש, אַרויפגעלייגט אַפן ברענטש די העכסטע שטראָף. פאַר טקעבן באַשטראָפט מען נ י ט. פאַר שלאָגן סטרייקער באַשטראָפט מען ניט. פאַר פראָטעסטירן קעגן אַ רעאַקציאָנערן טריט באַשטראָפט מען יאָ.

דער אמת איז, אַז דעם פראָטעסט האָט מען אויסגענוצט ווי אַ ן אויסרייד, כדי פּטור צו ווערן פון אַ פּרלעטאַריש־געשטימטן לעבעדיקן ברענטש, וועלכער מוז זיין ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די בורזשואַזע אַרבעטער־רינג עלעמענטן.

4. באַסטאָנער דיסטריקט קאָמיטע. אין יוני 1922 האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אויפגעלייזט די באָסטאָנער דיסטריקט קאָמיטע פונ'ם אַרבעטער־רינג. די אָפּאָזיציע אורזאַך האָט געזאָלט זיין די אומאייניקייט צווישן דער דיסטריקט קאָמיטע און דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. אין אמת'ן איז דאָס געווען אַ פּאָגראָם אַף אַ „לינקן" דיסטריקט. צוריק מיט זיבן־אַכט יאָר פלעגט מען רעאָרגאַניזירן אַ דיסטריקט אָדער אַ סיטי קאָמיטע צוליב קאָנסטיטוציאָנעלע אומריכטיקייטן אָדער צוליב אומפּראָלעטאַרישער פירונג. אין דער נייער ערא איז די איינציקע סבה פון אויפלעזונג — אָפּאָזיציע צום נאַציאָנאַלן אָפיס.

אַף דעם זעלביקן אופן זיינען פילע אַנדערע דיסטריקט און סיטי קאָמיטעס אויפגעלייזט געוואָרן אונטער דעם אָדער יענעם אויסרייד.

די אָפּאָזיציע דאַרף אָפּגעווישט ווערן דורך טעראָריסטישע מעטאָדן.

5. דער מיזורי־סקאַנדאַל. דעם 2טן דעצעמבער, 1923 זיינען אין ברענטש 60 אַרבעטער־רינג אין סט. לואי, מיזורי, פאָרגעקומען וואַלן פון אַ מיטגליד פון דער נעשיאָנאַל באָארד אָוו דירעקטאָרס פאַר מיזורי סטייט. בּאַ די וואַלן האָט די רעכטע „מאַשין" פון דעם ברענטש זיך אַ סטאַרע געטאָן: מ'האָט אָנגעצײלט מער שטימען, ווי ס'איז געווען מיטגלידער אינ'ם ברענטש, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אַ געוויסע צאָל מיטגלידער האָט גאָר ניט געשטימט. צוויי מיטגלידער, ראָגאַק און קרופּין, האָבן באַלד אַוועקגעשיקט יעדערער אַ באַזונדערן בריוו צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. יענע האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. די פּראָלעטאַרישע מיטגלידער האָבן זיך געפילט געצוואונגען עפּעס טאָן קעגן דער אָפענער פאַלשקייט. סאַ'יז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיטע צו אינפאָרמירן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אָפיציעל וועגן די פאַקטן. וואָס האָט מען געזאָלט טאָן? מ'האָט זיך גערעכנט, אַז טאָמער גלויבט ניט זער אָפּיס די מיטגלידער, וועט מען די קלאַגע פאָרמולירן אָפיציעל. מ'האָט איינגעלאַדן אַ נאָטארי פּאָבליק, וועלכער איז אויך אַ לאָיער, אַרונטערצונעמען אַפידייוויטס בּאַ די מיטגלידער, וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אין שטימען. די אַפידייוויטס, צוזאַמען מיט אַ בריוו, וואָס דערזעלבער לאָיער

האָט פאַרפאַסט פאַר די אַנקלאָגער און וואָס האָט אנטהאַלטן אַלע באַווייזן וועגן וואַל־שווינדל, האָט מען אוועקגעשיקט אין נאַציאָנאַלן אָפּיס. דער אָפּיס האָט געענטפערט מיט אַן ע פ נ ט ל א כ ע ר פ א ר ל ו י מ ד ו נ ג אין „פריינד“, אַז די אַנקלאָגער האָבן כלומר׳שט געסטראַשעט מיט געריכט. דער פאַקט איז, אַז זיי האָבן אויסגענוצט דעם לאָיער פּשוט, כדי צו איבערציינגן דעם נאַציאָנאַלן אָפּיס.

אומזיסט האָבן די קלעגער געבעטן, מען זאָל אונטערזוכן די וואַלן. אומזיסט האָבן 35 מיטגלידער פון ברענטש 60, דווקא די עלטסטע און אַקטיווסטע, דאָס רוב גאָר ניט קיין לינקע, איינינקע אפילו אַזוינע, וואָס האָבן געשטימט פאַר׳ן רעכטן קאַנדידאַט פיללער׳ן, געשיקט אַ פּעטיציע אין נאַציאָנאַלן אָפּיס און פאַרלאַנגט מען זאָל עטווידער אונטערזוכן די פאַלשע וואַלן אָדער זיי, די 35 מיטגלידער, אָפּטיילן אין אַן אַנדער ברענטש, כדי זיי זאָלן ניט דאַרפן זיצן אין איין ברענטש מיט די שווינדלער. דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט גערעדט פון „פאַרלוימדער“ און „טומל־מאַכער“. אָבער די פאַקטן פון שווינדל האָט ער איגנאָרירט. ס׳איז דער גאַנגען צו אַ קריזיס אין ברענטש. ס׳איז דערגאַנגען צו געשלעגן. אומגעדולדיקע עלעמענטן — דווקא ניט די קאָמוניסטן — האָבן גענומען אַרויטרעטן פונ׳ם ברענטש. די אַנקלאָגער האָבן געשריבן מיט׳ן בלוט פון זייער הארצן: „מיר ווילן, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע זאָל טאָן איינס פון די ביידע: אָדער אָרדנען אַן אונטערזוכונג און אויב עס וועט זיך אַרויסציינגן, אַז מיר זיינען טאַקע געווען די „פאַרלוימדער“ און „טומלמאַכער“ און מיר זוכן בלויז צו דיסקרעדיטירן אי אייך, אי די איצטיקע רעדל־פירער פון אונזער ברענטש, ווי איר דריקט זיך אויס אין אייער ערקלערונג, דאַן זיינען מיר וויליק אַף זיך צו נעמען אירגענד וועלכע שטראָף. ווען מיר אָבער אייך קענען איבערציינגן, אַז די וואַלן זיינען געווען פאַלשע, דאַן פּסל׳ט די וואַלן און ענטווידער אָרדנט נייע וואַלן אין אונזער ברענטש. אָדער באַוויליקט אונז אַ צווייטן ברענטש — און מיט דעם וועט די פראַגע געשליכטעט ווערן“. דער נאַציאָנאַלער אָפּיס האָט געשוויגן. דער ברענטש איז דעזאָרגאַניזירט געוואָרן. דער פּרעסטיזש פונ׳ם ברענטש איז געפאַלן. דער גייסט פון די מיטגלידער איז געפאַלן. אָבער די רעכטע עלעמענטן, די שווינדלערישע שותפים פון דעם נאַציאָנאַלן אָפּיס, זיינען צופרידן.

פאַר פּראָלעטאַרישע אידייען באַשטראָפט מען. פאַר פּראָלעטאַרישער קריטיק שליסט מען אויס. פאַר שווינדל בלייבט מען געטרייע און אָנגעזעענע אַרבעטער־רינג מעמבערס, פּונקט ווי שווינדלער בלייבן חשוב׳ע בירגער אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

6. די פּראַקטיקע פון אויסשליסן פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די ברענטשעס און מאַכן זיי פאַר מעמבערס עט לאַרדזש איז געוואָרן דאָס אויסגעפּרופּטע מיטל אין די הענט פון די אָפּיציע־

לע טוער. מ'האָט אויסגעשלאָסן אַזוינע באַקאַנטע פיגורן, ווי איי־בעלסאָן (ניו הייווען), ליפּצין, מאָרים, סיגעל, אב. עפּשטיין, קאַסטרעל, ראַסקין. מ'האָט זיי ניט נאָר אויסגעשלאָסן פון די ברענטשעס, נאָר מ'האָט זיי פאַרבאָטן אַרויסטרעטן אַלס קאַנדי־דאַטן אַף אַ קאָנפערענץ אָדער קאָנווענשאָן און מ'האָט זיי פאַר־באָטן אָננעמען עמטער. די שווערע 'שטראָפן — די שווערסטע וואָס מ'האָט נאָר אין אַרבעטער־רינג — זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן ענטווידער גאָר אָן שום משפט און אָן שום באַגרינדונג, אָדער מיט אַן אויסרייד, וואָס האָט ניט קיין ממשות. דער אמת'ער צוועק פון די אויסשליסונגען איז געווען — פּטור צו ווערן פון דער פּראָלעטאַרישער קריטיק, לאָזן די באַלעבאַטישע אידן, די "שיי־נע און רייכע" מיטגלידער, הנאה האָבן פון זייער מיטגלידערשאַפט. געבן זיי אַ מעגלאַכקייט צו הערשן אין אָרדען אומגעשטערט.

7. אַ גרופּע לעקטאָרס האָט אַמאָל עקזיסטירט באַם אַר־בעטער־רינג, וועמען ער פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסשיקן אַף אַ טור. אין די לעצטע יאָרן האָט מען פונ'ם צעטל אויסגעמעקט אַלע קאָמוניסטן. מ. האַלטמאַנ'ען האָט מען אויסגעמעקט פאַר האַלטן אַ לעקציע אַף דער טעמע „פירער און מאַסן", אין וועלכער ער האָט אַרויסגעזאָגט פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען. רחל האָלטמאַן, בורגין און ק. מאַרמאָר האָט מען אַראָפּגענומען פונ'ם צעטל גאָר אָן אַ דערקלערונג. רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגן טאָרן ניט רײדן פאַר די אַרבעטער־רינג מיטגלידער. די פּלאַטפאָר־מע איז פריי פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און פאַררעטער.

8. ג ע ה י י מ ע ב אַ ר אַ ט ו נ ג ע ן. — ס'איז דאָ באַם אַרבעטער־רינג אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען „נעשיאָנעל סאָשעל קלאָב" — אַף אידיש: „זקן". ער באַשטייט פון דער „אַלטער גוואַרדיע", וואָס פירט די גרענדע אין נאָנטער קאָאָפּעראַציע מיט'ן „פאָרווערטס". דער „זקן" באַשטימט דעם גאַנצן שיקזאַל פונם אַרבעטער־רינג. דאָרטן ווערן אויסגעאַרבעט אַלע טעראָר־מעטאָדן.

מיר האָבן ניט אויסגעשעפּט די מעטאָדן פון טעראָר. זיי זיי־נען אומדערשעפּליך. יעדן טאָג ווערן אויסגעטראַכט נייע שיקאַ־נען. זיי ציען זיך פון אויפלייזן ברענטשעס און דיסטריקט קאָ־מיטעס. פון דערלאָזן וואָל־שווינדלען ביז פאַרפאָלגן איינצעלנע טוער און ביז אַריינגעמען אין ברענטש אַ דעפּיוטי שעריף, וואָס ווייזט אַף דעם ברענטש־מיטינג אַ „בעדזש" און סטראַשעט אַרע־סטירן יעדן „לינקן" (עליזאַבעטה, נ. דזש.).

אַלע מיטלען זיינען גוט אין קאַמף פאַר דער מאַכט פון די איצ־טיגע רעדל־פירער אין אַרבעטער רינג

אַ קליקע וויל פֿאַראייביקן איר זעלבסטהערשאַפֿט

דער אַרבעטער־רינג דאַרף פֿאַרוואַלטעט ווערן אַף אַ דעמאָקראַטישן אופֿן. אין דער קאָנסטיטוציע זיינען דאָ פּונקטן, וואָס דאַרפֿן באַוואָרענען, אַז דער ווילן פֿון די מיטגלידער זאָל קומען צום אויסדרוק אין אַלע פֿראַגן. ס'איז אָרגאַניזירט אַ סיסטעם פֿון נאָמינאַציאָנס, וואַלן און רעפֿערענדומס, וואָס דאַרפֿן געבן יעדן מיטגליד אַ מעגלאַכקייט צו ווירקן אַפֿן צוזאַמענשטעל פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו און דער נאַציאָנאַלער באָארד אָוו דירעקטאָרס. איז אָבער די פֿירערשאַפֿט אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער איצטיקער גרופּע מענטשן, וועלכע אַרבעט אונטער דער ווירקונג פֿון דעם בורזשואַזן פֿליגל, און אָט וואָס איז געשען:

פֿאַר אונז ליגט אַ טעלעגראַמע פֿון 14טן פֿעברואַר, 1925, דער טעקסט פֿון דער טעלעגראַמע איז אַזוי:

New York, N. Y., 5:45 P. M.
M. Friedland
535 S. 19th St.
Newark, N. J.
Come on time to Workmen Circle Conference tomorrow sun A. M.
You represent Branch Two Twenty Seven
Committee.

„ניו יאָרק, נ. י. 5.45 נאָכמיטאָג.
„מ. פֿריעדלאַנד,
535 סאַוטה 19טע סט. נוארק, נ. דזש.
„קומט אין צייט צו דער אַרבעטער־רינג קאָנפֿערענץ מאָרגן, זונטיק, אידערפֿרי. איר פֿאַרטרעט דעם ברענטש צוויי הונדערט זיבן און צוואַנציק.
„די קאָמיטע".

די טעלעגראַמע איז פֿון ניו יאָרק צו אַן אַרבעטער־רינג טוער אין נוארק, דער בר. 227 א. ר., וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין דער טעלעגראַמע, איז אין שיקאַגאָ. די קאָנפֿערענץ, וואָס ווערט דאָרט דערמאָנט, איז די נאָמינײשאָן קאָנפֿערענץ, וואָס דאַרף אַרויסשטעלן קאַנדידאַטן פֿאַר דער נייער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. די נעמען פֿון די אַרויסגעשטעלטע 60 קאַנדידאַטן גייען נאָכדעם אַוועק אַף אַ רעפֿערענדום צו דער מיטגלידער־מאַסע. די נאָמינײשאָן־קאָנפֿערענץ שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין דער אויסוואַל פֿון דער נייער עקזעקוטיווע, ווייל דער רעפֿערענדום מוז זיך נאָר באַגרעניצן מיט אויסקלייבן 30 עקזעקוטיוו־מיטגלידער פֿון די 60 קאַנדידאַטן, וואָס די קאָנפֿערענץ נאָמינירט. יעדער ברענטש האָט אַ רעכט צו שיקן דעלעגאַטן אַף דער קאָנפֿערענץ.

וואָס־זשע זעען מיר? א טאָג פאַר דער קאָנפערענץ, א פערטל צו זעקס פאַרנאַכט, שיקט א „קאָמיטע" ארויס א טעלעגראַפישע מעלדונג צו איינעם פרידלאַנד'ן אין נוארק, אז ער מוז קומען אף דער קאָנפערענץ, ווייל ער פאַרטרעט א ברענטש פון שיקאַגאָ. מען וואָלט געקענט מיינען, אז דער ברענטש 227 האָט געמאַכט פרידלאַנד'ן פאַר א פ ר א ק ס י און האָט וועגן דעם געמעלדעט דעם נאַציאָנאַלן אָפיס. אָבער פאַרוואָס האָט דער ברענטש 227 וועגן דעם ניט געמעלדעט פרידלאַנד'ן אליין? פאַרוואָס האָט ער ניט אָנגעפרעגט פרידלאַנד'ן, צי ער וועט זיין אין דער היים דעם 15טן פעברואר און צי ער וועט קענען פאַרטרעטן דעם ברענטש? פאַרוואָס האָט ער געוואַרט ביז'ן לעצטן טאָג און ביז דער לעצטער שעה? וואָס איז: ס'האָט זיך געטראָפן אין ברענטש עפּעס אומגעריכטעס, אזוי אז ער האָט ניט געקענט אָפּהאַלטן א זיצונג אין צייט? אויב אזוי, וואָלט ער דאָך אודאי געדאַרפט טעלעגראַפירן פרידלאַנד'ן.

וואָס באַדייט די טעלעגראַמע? מיר וויסן ניט אף געוויס, אָבער עס זעט אויס אזוי, אז דער אָפיס האָט געוואָלט האָבן אז איבעריקן איינעם דעלעגאַט צו דער נאָמינייישאָן קאָנפערענץ; אז ער האָט אָפּגעוואַרט ביז'ן לעצטן טאָג צו זען וועלכע ברענטשעס האָבן אריינגעשיקט דעלעגאַטן אָדער פראַקסים; אז בר. 227, זייענדיק ווייט פון ניו יאָרק, האָט ניט געשיקט ניט קיין דעלעגאַט און ניט קיין פראַקסי און אז דער אָפיס האָט דעריבער באַשלאָסן צו געבן די פאַרטרעטערשאַפט פון ברענטש 227 איינעם א ג ע ט ר י י ע ם, וואָס דער ברענטש האָט אים ניט אויסגעקליבן און ניט דעלעגירט. „קומט אין צייט צו דער אַרבעטער־רינג קאָנפערענץ מאָרגן, זונטיק אינדערפרי. איר פאַרטרעט בר. 227." עס קען געמאָלט זיין, אז צענדליקער אַנדערע „איינענע" מענטשן באַקומען אזא מין „פאַרטרעטערשאַפט" דורך א טעלעגראַמע אָדער דורך א בריוו פונ'ם אָפיס אָן דעם ווילן און וויסן פון די ברענטשעס, וואָס האָבן פאַרפעלט צו שיקן דעלעגאַטן. פרידלאַנד'ס טעלעגראַמע איז צופעליק געקומען אין אונזערע הענט. וויפל אזוינע טעלעגראַמען ווערן אַרויסגעשיקט יעדעס יאָר?

אפשר קען עמיצער פרעגן: „היתכן? וועט אָט דער פרידלאַנד אָדער אַן אַנדער איינגעלאַדענער וועט קומען קיין ניו יאָרק און וועט וועלן אריינגיין אין קאָנפערענץ־זאַל, וועט ער דאָך עפּעס דאַרפן ווייזן קרעדענשלס אָדער אַנדערע דאָקומענטן? ס'איז דאָך עפּעס פאַראַן א קאָנטראָל אף דער וועלט. אַניט וועט יעדער איינער קענען קומען און זאָגן, אַז ער איז א דעלעגאַט?"

די פראַגע איז ריכטיק, אָבער דער ענטפער איז, אַז מ'האָט זיך ב א ו ו אָ ר נ ט. באַם טיר פון דער קאָנפערענץ שטייט א קאָמיטע פונם נאַציאָנאַלן אָפיס מיט פאַרטיקע איינטריט־קאַרטן. דער אָנגעקומענער פרידלאַנד וועט נאָר דאַרפן זאָגן זיין נאָמען

און דעם נומער פון א ברענטש — און ער באקומט א דעלעגאטן־קארטע. קיין אנדערע פארמאליטעטן זיינען ניט נויטיק.

טאמער וועט אבער א פראגע־שטעלער זיך אלץ ניט בארואיקן און זאגן, אז ס'איז דאך דא א קרעדענשל־קאמיטע, אויסגעקליבן אף דער קאנפערענץ, און אז אט די קרעדענשל־קאמיטע וועט דאך דארטן פאדערן פון אזא פרידלאנד'ן באוויזן, — דאקומענטן, בריוו אדער טעלעגראמעס, וואס זאלן זיי איבערצייגן, אז ער פארטרעט טאקע דעם ברענטש 227, — וועלן מיר ענטפערן, אז די עקזעקוטיווע באווארנט זיך נאכאנאנד מיט אזא קרעדענשל־קאמיטע, וואס זאל באשטיין פון לויטער אייגענע מענטשן, און אז קיין „זייטיקן" לאזט מען אהין בשום אופן ניט אריין. —

אף דריי נאציאנאלע קאנפערענצן איינע נאך דער אנדערער האבן די פראלעטארישע עלעמענטן געפאדערט, אז מען זאל כאטש איינעם פון זייער ריכטונג אריינעמען אין דער קרעדענשל קאמיטע. זיי האבן פראטעסטירט, זיי האבן געשריגן, זיי האבן פון זיך ארויסגערעדט די גאל. זיי האבן גע'טענה'ט. אז דא האנדלט זיך דאך ניט וועגן אן אמט. אז דא האנדלט זיך ניט וועגן פאליטיק, נאר וועגן איבערקוקן די ריכטיקייט פון די מאנדאטן. זיי האבן אונטערגעשטראכן, אז זיי ווילן ניט קיין מערהייט אין דער קאמיטע, זיי ווילן אפילו ניט קיין באדייטנדיקע מינדערהייט, זיי ווילן האבן נאר איין איינציקן מענטשן, וואס זאל זיי איבערצייגן, אז אלצדינג איז ריכטיק מיט די קרעדענשלס. די רעדל־פירער פון דעם ארבעטער־רינג האבן זיי אפגעזאגט אין זייער פאדערונג. קיין לינקער מיטגליד, קיין מיטגליד פון דער אפאזיציע, טאר ניט זען די קרעדענשלס. די דאזיקע פריווילעגיע בלייבט נאר פאר אויסגעפרופטע משרתים פון דעם נאציאנאלן אפיס.

פארוואס איז דאס אזוי? פאר וועמען האט מען מורא? וואס האט מען צו באהאלטן? אויב מ'וואלט ניט געהאט, וואס צו באהאלטן, טא פארוואס־זשע ציטערט מען אזוי איבער די געהיימענישן פון דער קרעדענשאל קאמיטע? אויב מען באהאלט זיך יא, האבן מיר א רעכט אנצונעמען, אז ניט אלץ איז כשר. מיר האבן א רעכט צו באהויפטן, אז מיט אזא סיסטעם, וואו די אפאזיציע קען ניט אנקוקן די קרעדענשלס, איז מעגלאך אנצופאקן א קאנפערענץ מיט אייגענע מענטשן, וואס די ברענטשעס האבן זיי גאר ניט געקליבן. ווער וועט באווייזן? ווער וועט אויפדעקן?

אן אנדער מאמענט זיינען די ציילער. אף יעדן קאנגרעס אדער קאנפערענץ, וואו עס איז דא אן אפאזיציע, פירט מען זיך, אז די באלאט־ציילער זאלן געהערן צוביידע צדדים. אף די ארבעטער־רינג־קאנפערענץ באשטימט מען קיינמאל ניט קיין ציילער פון ביידע צדדים, נאר פון דער הערשנדער גרופע. פארוואס? מיר האבן א רעכט צו באהויפטן, אז דאס ווערט געטאן מיט דעם צוועק צו ציילן אומריכטיק — צו פאר־

רעכענען דער הערשנדער גרופע מער באלאטס און דער פּראָלעטאַרישער ריכטונג ו ו י י נ י ק ע ר. צייקן באַלאָטס איז אַ גאַנץ פּשוט'ע טעכנישע זאַך. ציילן באַלאָטס גיט ניט קיין מאַכט, גיט קיין פּאָליטישן פּרעסטיזש. פאַרוואָס דערלאָזט מען ניט אַ „לינקן" ציילער ? פאַרוואָס זאָגן די לינקע ניט האָבן אַ מעגלאַכקייט צו זען מיט די אויגן פון זייערן אַ מענטשן, וויפל באַלאָטס מ'האָט פאַר זיי אָפּגעגעבן ? מיר האָבן אַ רעכט אָנצונעמען, אַז אַ נאַציאָנאַלער אַפּיס, וואָס האָט רואיק אַראָפּגעשלונגען דעם מיזורי־סקאַנדאַל, דאַרף האָבן אייגענע געטרייע ציילער ניט פאַר אַ דעקאָראַציע, נאָר כּדי זיי זאָלן טאָן „געטרייע" אַרבעט.

וואָס באַקומט זיך ? די גאַנצע נאָמינייישאָן־פּראָצעדור, מיט די וואַלן, מיטן רעפערענדום, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פאַרס. ווער זיינען די דעלעגאַטן ? מיר ווייסן ניט, ווער ס'האָט זיי געקליבן. אפשר האָט מען אַ גאַנצע מאַסע אַרויסגערופן דורך טעלעגראַמען אַ טאָג פאַר דער קאָנפערענץ. ס'איז מעגלאַך אָנצופּאַקן די קאָנפערענץ „פּער עקספּרעס" (אַף איינגליש : „אָן שאָרט נאָטיס"). ווער זיינען די נאָמינירטע קאַנדידאַטן ? די רעדל־פירער לאָזן ניט אַרויף אָפן צעטל קיין איינציקן פּראָלעטאַרישן פאַרטרעטער. אַלע 60 נעמען זיינען ז י כ ע ר ע, הונדערט פּראָצענטיקע, נעמען פון געטרייע אייגענע מענטשן, וואָס וועלן דערפילן דעם ווילן פונם „פאָרווערטס". וואָס פאַר אַ זין האָט דער רעפערענדום ? ער האָט קיין זין ניט, ווייל די ברעטנשעס בלייבט נאָר אויסצוקלייבן 30 פון 60 מאַשין־מענטשן און „פאָרווערטס"־לאַקייען. די מיטגלידער־מאַסע האָט ניט קיין מעגלאַכקהייט צו שטימען פאַר אָדער קעגן פּראָלעטאַרישע קאַנדידאַטן.

עס קעמפן צוויי ריכטונגען אין אַרבעטער־רינג. ס'קעמפן צוויי וועלטאַנשויאונגען, צוויי פּאָליטישע אָריענטאַציעס. די ברייטע מיטגלידערשאַפט דאַרף אויסקלייבן אַ נייע נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונג. פון 60 קאַנדידאַטן דאַרף זי אויסקלייבן 30 באַאַמטע. אויב מען וויל זיך באמת רעכענען מיט איר ווילן, וואָלט מען געדאַרפט צווישן די 60 האָבן פאַרטרעטער פון ב י י ד ע ריכטונגען — און לאָז די מאַסע אַנטשיידן. ווייל זי באַלעבאַטיש־„פאַרווערטסיסטישע" מאַשין־מענטשן, האָט זי אַ מעגלאַכקייט פאַר זיי צו שטימען. ווייל זי לינקע, פּראָלעטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע טוער, טאָ זאָל זי זיי ווייל̇ן. אפילו אין קאַפּיטאַליסטישע מלוכות מיט אַ בורזשואַזער דיקטאַטור שטעלט מען אַרויף אָפן באַלאָט די נעמען פון אַלע קאַנדידאַטן, אַריינגערעכנט די רעוואָלוציאָנערע. אין אַרבעטער־רינג שטייען אָפן באַלאָט די קאַנדידאַטן נאָר פון איין פּאַרטיי — די אייגענע מענטשן, וואָס פירן אַ באַלעבאַטישע פּאָליטיק. די אָפיציעלע טוער פונם אַרבעטער־רינג לאַכן זיך אויס פון די מיטגלידער, מאַכן חוזק פון דעם ווילן פון דעם אָרדן. — „קענסט שטימען", זאָגן זיי צו דער רענק ענד פאַיל, „קענסט שטימען, וויפל דיין האַרץ גלוסט און וויפל די קאָנסטיטוציע דער־

לויבט דיר. אבער אויסוויילן דארפסטו נאר צווישן איינעם פון אונז און א צווייטן, ד. ה. צווישן א רעאקציאנער און א קאנטער־רעוואלוציאנער, צווישן א געלן און א שווארצן.

די דעמאקראטיע פונם ארבעטער־רינג האט זיך פארוואנדלט בא די איצטיקע רעדל־פירער אין א לצנות.

מיר קענען זיך פארשטעלן א באל, וואו די ברענטשעס קלייבן אויס א מערהייט לינקע דעלעגאטן און דאך זאל די קאנפערענץ זיין א רעכטע. די מעטאדן פון די איצטיקע רעדל־פירער געבן זיי א מעגלאכקייט צו דערשלאגן זיך אזוינע רעזולטאטן. ערשטנס קען מען „ארויסרופן" פער טעלעגראמע עטלאכע מענטשן, וואס זאלן „פארטרעטן" ניט קיין פארטראטענע ברענטשעס. צווייטנס, קען מען עטלאכע פון די אויסגעקליבענע לינקע דעלעגאטן פאר־וואנדלען אין „מעמבערס עט לארדזש", וואס טארן ניט קומען צו דער קאנפערענץ — און דאס שטיקל ארבעט איז פארטיק. טא־מער העלפט די „פארזיכט אלץ" ניט און א לינקער גייט פארט ארויף אפן באלאט, קען מען אים אויך „טרענספערירן" פאר א מעמבער עט לארדזש — און ער ווערט אוים קאנדידאט.

דאס גיט א מעגליכקייט דער איצטיקער פירערשאפט צו בלייבן אין מאכט קעגן דעם ווילן פונם ארדן — און דאס פאר־וואנדלט זי אין א ז ע ל ב ס ט ה ע ר ש נ ד י ק ע ק ל י ק ע.

אין א זעלבסטהערשאפט איז דער גאט־געזאלבטער — אלץ. אין ארבעטער־רינג איז דער קליקע־אפיס אין זיין קאמף קעגן די פראלעטארישע עלעמענטן אלץ: ער איז אי דער כלומר'שט גע־קריוודעטער, אי דער אנקלאגער, אי דער ריכטער, אי דער אויס־פירער פונם אורטייל, אין קיין אפיל איז קעגן אים ניטא, ווייל די שטראף צו מאכן פאר מעמבער עט לארדזש טאר מען ניט אפע־לירן צו דער באארד און דירעקטארס.

מ'האט זיך באווארנט.

אין וואס די רעכטע באשולדיקן די פראלעטארישע טוער.

דעם 23טן נאוועמבער, 1924, איז אין ניו יארק פארגעקו־מען א קאנפערענץ פון רעכטע ברענטשעס פון די שטאטן ניו יארק, ניו דזשוירזי און קאנעקטיקוט. די קאנפערענץ האט געזאלט פראטעסטירן קעגן דער לינקער פראלעטארישער ריכטונג. זי האט געזאלט ארגאניזירן די רעכטע קרעפטן צום קאמף קעגן דער „לינ־קער געפאר". אין דער פרעסע און אין די עפנטלאכע ארויסטרעט־טונגען ווערן די פראלעטארישע טוער גערופן „ברעכער" און „צור־שטערער". מען וויל באשאפן דעם איינדרוק, אז די לינקע ו ו י ל ן ב ר ע כ ן   ד ע ם   א ר ד ן. די דערמאנטע קאנפערענץ האט געזאלט אויפדעקן די גאנצע „ברעכערישע ארבעט" פון די לינקע. א ספעציעלע קאמיטע איז באשטימט געווארן דורך די ארגאניזא־

טאָרן פון דער קאָנפערענץ צונויפשטעלן אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן די לינקע. אַף דער קאָנפערענץ האָט „פּרינץ“ לעווינטאַן פאָרגע־לייגט דעם שרעקלאַכן דאָקומענט. ער איז אָפּגעדרוקט אין אַ באַ־זונדערן „רעפּאָרט וועגן די פאַרהאַנדלונגען פון דער גאָוועמבער־קאָנפערענץ“. וואָס ליגט איצט פאַר אונז. מיר לייענען אים פון אָנהויב ביזן סוף און געפינען נאָר איין באַשולדיקונג: אַז די פּראָלעטאַרישע טוער האָבן געקעמפט קעגן באַלעבאַטישן איינפלוס אין אַר־בעטער־רינג און קעגן דער הפקר׳דיקער און צינישער פּאָליטיק פון דער הערשנדיקער קליקע.

אָט זיינען די באַשולדיקונגען:

1. די לינקע אַקציאָנס־קאָמיטע האָט פאַר דער טאָראָנטאָ׳ער קאָנווענשאָן ארויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו די מיטגלידער פון דער וואָרקערס פּאַרטי, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן צו דער קאָנוועג־שאָן.

2. די „פרייהייט“ האָט „געהעצט“ די מיטגלידער פונם אַר־בעטער־רינג קעגן דער פאַרוואַלטונג, ד. ה. זי האָט אויפגעדעקט, ווער זיי זיינען און וועמען זיי דינען.

3. די „פרייהייט“ האָט געמאַכט אַ באַהויפּטונג, אַז „בא דער קומענדיקער קאָנוועגשאָן וועט די רעכטע מאַשין אָנווענדן אַלע מיטלען, אַז די „פרייהייט“ זאָל ניט אַנערקענט ווערן“ (וואָס אַזוי איז דאָס טאַקע געשען).

4. די לינקע אַקציאָנס־קאָמיטע האָט אָפּגעדרוקט אין דער „פרייהייט“ אַן אויפרוף, אַז די בראַנטשעס פונם ארבעטער־רינג זאָלן אָננעמען רעזאָלוציעס צו אַנערקענען די „פרייהייט“.

5. די לינקע „האָבן זיך בלומר׳שט אָנגענומען די קריוודע פון סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער אין דער אמת׳ן האָבן זיי פון דעם די גאַנצע צייט געפּרופּט „שלאָגן קאַפּיטאַל און פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס“ (ד. ה. די פּאָזיציעס פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין ארבעטער־רינג).

6. די לינקע אַקציאָנס־קאָמיטע האָט אין אַן אויפרוף צו די ארבעטער־רינג מיטגלידער אין באַפאַלאָ געשריבן, אַז „די נאַציאָ־נאַלע עקזעקוטיווע פון ארבעטער־רינג האָט איינגעפירט צאַר־סקע מעטאָדן, כדי צו קענען אָנהאַלטן די זיכערקייט פון איר טראָן“. (זע קאַפּיטל וועגן טעראָר).

7. די לינקע אַקציאָנס־קאָמיטע האָט געזאָגט, אַז די נאַציאָ־נאַלע עקזעקוטיווע האָט אויסגעגעבן טויזנטער דאָלאַרס, כדי דורכ־צופירן די ערוויילונג פון אַ „רעכטער“ נאַציאָנאַלער באָארד און דירעקטאָרס, און אַז איניקע בראַנטשעס האָבן געקראָגן אַ גרעסע־רע פאַרטרעטערשאַפט, ווי ס׳איז זיי געקומען (זע מיזורי־סקאַנ־דאַל).

8. די לינקע אקציאנס־קאמיטע האט אף דער אויסשליסונג פון אב. עפשטיין און ד. סיגל גענטפערט מיט א דערקלערונג וואו זי רופט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע „קליינע פאליטישנס אפן 8טן און 9טן פלאר, א בינטל פון אדווערטייזינג און אינשורענס בראקערס, געווערקשאפטן,חברה, דזשאב־האלדערס, וואס נעמען „פיידע“ בא די ארימע ארבעטער“.

9. מ. אלגין האט געשריבן אז „אין ארבעטער־רינג זיינען דא פאבריקאנטן. אין ארבעטער־רינג זיינען דא מיטגלידער פון טשיימבערס אוו קאמערס. אין ארבעטער־רינג זיינען דא טויזנטער, וואס גלויבן ניט אין קלאסן־קאמף פונם ארבעטער־קלאס“. און אז לעצטנס באהאנדלט מען סקעבס מיט זיידענע הענטשקעס (זע באסקינ׳ס דערקלערונג וועגן רייכע אידן. זע פעטערסאנער סקאנדאל).

10. מ. אלגין האט געשריבן, אז „אן דער שפיץ פון דער קולטורעלער טעטיקייט אין ארבעטער־רינג שטייען מענטשן, וועלכע קענען קוים זייערע נעמען אונטערשרייבן“, בשעת די עדיוקיישיאנאל קאמיטע האט אנטהאלטן אזוינע פערזאנען, ווי שיפליאקאוו, מאקס פיין, נ. כאנין, אסיפ וואלינסקי און י. פישמאן (פיין, כאנין און וואלינסקי זיינען אזוי ווייט פון קולטור ווי די נאציאנאלע עקזעקוטיווע איז ווייט פון פראלעטארישע אידייען).

11. אשינסקי, מארים און קאסטרעל האבן אף ברענטש־מיטינגען געקריטיקירט די פירערשאפט פונ׳ם ארבעטער־רינג.

12. די לינקע האבן אגיטירט קעגן א 50־סענטיקן קאנוועגשאן־טעקס פאר די מיטגלידער פון ניו יארק.

13. די לינקע אקציאנס־קאמיטע האט אפעלירט צו די ארבעטער־רינג־ברענטשעס זיי זאלן שאפן א פאנד פון 10 טויזנט דאלער פאר איר פראפאגאנדע־ארבעט.

14. די לינקע האבן געקריטיקירט די עקזעקוטיווע אין פארבינדונג מיט׳ן פעטערסאנער סטרייק.

15. די לינקע האבן געקריטיקירט די עקזעקוטיווע פאר ניט באטייליקן זיך אין א פארמער־לייבאר־פארטי אין ניו יארק און אין דעם צוזאמענפאר פון סעינט פאול.

16. די לינקע נעמען זייערע ארדערס פון "פרעמדע ארגאניזאציעס“, ד. ה. פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

דאס זיינען אלע הויפט־באשולדיקונגען, וואס מ׳האט צענויפגעזאמלט קעגן די פראלעטארישע עלעמענטן און וואס מ׳האט צוגעשטעלט צו דער ספעציעלער רעכטער קאנווענשאן. קיין אנדערע האט מען ניט געפונען. קיין אנדערע איז ניטא.

אף די אלע באשולדיקונגען ענטפערן די לינקע:

יא מיר זיינען שולדיק! מיר האבן דאס אלעס געטאן און וועלן דאס ווייטער טאן, ביז מיר וועלן ניט ברעכן די

מאכט פון די באלעבאטישע עלעמענטן אין ארבעטער־רינג און ניט אוועקשטעלן דעם ארדן אונטער׳ן קאנטראל פון זיינע פראלעטארישע מיטגלידער, ווארים נאך אזוי וועט ער קענען וואקסן, בליען און דינען די ארבעטער־אינטערעסן.

קולטור-ארבעט — נעבעכדיק

דער באלעבאטישער איך אינטערעסירט זיך ניט מיט קולטור. אליין באפרידיקט ער זיין קולטור־באדערפניש דורך דער בורזשואזער פרעסע און דורך באלעבאטישע אינסטיטוציעס. פאר די ארבעטער, האלט ער, איז קולטור ארבעט בכלל אן ארויסגעווארפענע זאך, אויב ניט אפילו שעדלאך. וואס ער דארף יא האבן, איז אביסל „אידישקייט" — ניט אזוי פאר זיך, ווי פאר דעם ארבעטער און זיינע קינדער, כדי זיי זאלן, ערשטנס, ניט פארגעסן, אז אלע אידן זיינען ברידער און אז מען דארף זיך באגיין מיט יושר קעגן אן „איינענעם" אידישן באס, צווייטנס, כדי זיי זאלן האבן גאט אין הארצן און ניט ווערן קיין רעוואלוציאנערן.

די קולטור־טעטיקייט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע האט ווי יעדע אירע טעטיקייט, געטראגן דעם שטעמפל פון באלעבאטישן איינפלוס. צום גליק איז ניט די גאנצע קולטור־ארבעט האנצענטרירט אין די הענט פון דער עקזעקוטיווע. צום גליק זיינען דא אינ׳ם ארבעטער־רינג אויפגעקלערטע און ענערגישע עלעמענטן, וואס זארגן יא פאר דער קולטור־אנטוויקלונג סיי פון די דערוואקסענע מיטגלידער און סיי פון זייערע קינדער. קוקט מען אבער אף דער ארבעט פון די צענטראלע ארגאנען, זעט מען אפגעלאזנקייט, צעבראכנקייט, א מאנגל אין ליבע און אן אינטערעס צו דער גרויסער אויפקלערונגס־ארבעט, וואס דארף זיין דער ש פ י ג ל פונם ארבעטער־רינג.

לייענט זייער באריכט צו דער 25־טער קאנווענשאן. ביכער ? מ׳האט איז 1924 ניט ארויסגעגעבן קיין איינציקן נייעם בוך. טורן פון לעקטארס ? מ׳האט הייאר ניט ארויסגעשיקט אף א טור קיין איינציקן לעקטאר. אין ניו יארק און אין די ארומיקע שטעטלאך האט מען נאך ווי ניט איז ארגאניזירט לעקציעס. אבער אין דער פראווינץ איז ניט געווען קיינער. דער תירוץ — ערשטנס קאסט עס א סך און צווייטנס זיינען די לינקע ניט צופרידן מיט א רעכטן לעקטאר און די רעכטע מיט א לינקן: דאס הייסט, אז איידער אויסהערן טענות און באפרידיקן צדדים, איז שוין בעסער גאר איינגאנצן אויסמעקן דאס קאפיטל לעקציעס פאר דער מיטגלידער־מאסע. אפן־פארום ? מיר ווייסן, ווי אזוי די ארבעטער לויפן ממש צו אפען־פארום, וואס די לינקע אקציאנס־קאמיטע האט ארגאניזירט אין פארשיידענע טיילן פון ניו יארק. הייאר האט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע געפרובט ארגאניזירן אפען־פארומס, מעלדעט זי איצט מיט א שטאלדיק מויל, אז „זיי האבן

זיך ניש׳קשה׳דיק איינגעגעבן אין פילאדעלפיע און אין שיקאגא. אין ניו יארק האבן זיי זיך דעם ווינטער ניט איינגעגעבן, און מיר זיינען געווען געצוואונגען זיי גלייך אין אנהויב צו ליקווידירן". צוויי „ניש׳קשה׳דיק" איינגעגעבענע אפען־פארומס פאר׳ן גאנצן ארב.־רינג — און א דורכפאל גראד אין ניו יארק, וואו ס׳איז דא אזא גרויסע מאסע אידישע ארבעטער ! די באריכט־שרייבער האבן, פארשטייט זיך, ניט געקענט געבן קיין דערקלערונג פון דעם ניו יארקער דורכפאל. דער אמת איז, אז מיט די פארשימלטע, אפגעלעבטע און קאנטער־רעוואלוציאנערע לעקטארן, וואס זיי שטעלן ארויס, אינטערעסירט זיך ניט דער ארבעטער־עולם. ער קומט ניט צו די אפן פארומס, ווייל ער ווייסט, אז ס׳איז נישטא וואס צו הערן, א חוץ קליינבירגערלאכן קוואטש.

דער נאציאנאלער אפיס האט אויך ארגאניזירט קורסן פאר דערוואקסענע, מיט די אומגעהייערע מיטלען, וואס ער פארמאגט, האט ער קוים געקענט פארצייכענען ערפאלגרייכע קורסן אין אטלאנטא, הארלעם און ניו הייווען. מען לאזט אונז וויסן מיט באפרידיקונג, אז „דער פארשפרייטסטער געגענשטאנד איז „אידישע געשיכטע", ניט, חלילה, „סאציאליזם" אדער „מארקסיזם", אדער גאר „לעניניזם". אדער „טעאריע און פראטיק פון דער ארבעטער באוועגונג". ווי פאסט זיך דאס פאר די באלעבאטים „פארווערטסיסטישע" רעדל־פירער ? דאס וואלט ניט געפעלן דעם באלעבאטישן פליגל.

דער שווער־פונקט פון דער קולטור־ארבעט זיינען די שולן. די שולן וואקסן ק ע ג ן דעם ווונש פון די אפיציעלע פירער. די שולן האבן געמוזט אנערקענט ווערן אלס א נויטיקער עלעמענט פון דער ארבעט. ס׳איז דא 95 שולן, צווישן זיי 4 העכערע. אבער ווי ווערן זיי אויסגעהאלטן ? וואס לערנט מען אין זיי ? וואס פאר א גייסט ווערט אין זיי אנטוויקלט ? אין יאר 1924 האט דער נאציאנאלער אפיס אף 95 שולן אויסגעגעבן 30,000 דאלער, א חשבון פון אן ערך 300 דאלער א יאר, אדער דורכשניטליך 6 דאל. א וואך, פאר יעדער שול, וואס דאס איז ניט גענוג אף רענט, ווער רעדט שוין פון לערער, ביכער און אנדערע מכשירים. (אף אלע אנדערע קולטור־טעטיקייטן האט דער נאציאנאלער אפיס אין 1924 אויסגעגעבן 7,400 דאלער בשעת דער „פריינט" אליין קאסט אף די שיינע סומע פון 23.540 דאל. שיער ניט אזוי פיל, וויפיל אלע שולן צוזאמען). דער גייסט פון די ארבעטער־רינג שולן איז א א י ד י ש ל א כ ע ר , נישט קיין אידיש־פראלעטארישער. מען לערנט די קינדער ס׳רוב אזוינע „אידישע" למודים, וואס קענען באפרידיקן די פאדערונגען פונ׳ם באלעבאטישן פאטער. מען לערנט נ י ט אזוינע למודים, וואס זאלן באפרייען די קינדער פון באלעבאטישע טראדיציעס און בורזשואזער אידעאלאגיע. טאמער טרעפט זיך א לערער, וועלכער שטרעבט צו געבן זיינע תלמידים א פראלעטארישער דערציאונג, האט ער אויסצושטיין נגושים פון

דעם נאַציאָנאַלן אָפּיס און פון די אָרטיקע רעכטע טוער — און זיין אַרבעט ווערט געשטערט, אויב ניט אינגאַנצן אָפּגעשניטן.

די קולטור־אַרבעט וואָלט געדאַרפט זיין די פּ אָ ן פונם אַרבעטער־רינג. אונטער דער איצטיקער פירערשאַפט איז זי א שטיף קינד.

2. די יובילײ־קאָנווענשאָן.

צוגרייטונג.

באַ די וואַלן צו דער קאָנווענשאָן האָט דער נאַציאָנאַלער אָפּיס, פאַרשטייט זיך, נאָכאַנאַנד געשטיצט די רעכטע און געשטעלט אַלע מעגלאַכע שטרויכלונגען אפן וועג פון די לינקע. איין ביישפּיל איז כדאי צו פאַרצייכענען באַזונדער.

ברענטש 197 אין סאַן־אַנטאָניאָ, טעקסאַס, האָט געהאַט א לינקע מערהייט. אַף דער פאַרזאַמלונג וואו מען האָט געזאָלט קלייבן א דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן, האָבן די רעכטע איינגעזען, אַז זיי קענען גאָר ניט מאַכן, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם זאַל. די זיצונג איז פאָרגעקומען אָן זיי — און מ׳האָט דורכגעפירט די וואַלן. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט גע׳פּסל׳ט די וואַלן — צוליב דעם, וואָס די רעכטע האָבן זיך אין זיי ניט באַטייליקט. (דאָס, אגב, באַשאַפט א אינטערעסאַנטע לאַגע: אויב א ברענטש האָט א לינקע מערהייט און א רעכטע מינדערהייט, איז גענוג, אַז די מינדערהייט זאָל פאַרלאָזן א מיטינג, וועט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע דערקלערן די האַנדלונג פון דער איבערגעבליבענער מערהייט אונגעזעצליך). די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געהייסן רופן נייע וואַלן. צו די וואַלן האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע צוגעשיקט א ספּעציעלן אויפזעהער — איינעם סאָל בעלל פון יוסטאָן. אַף דער פאַרזאַמלונג האָט די רעכטע מינדערהייט ווייטער געמאַכט א טומל און אָפּגעבראָכן דעם מיטינג. דערפאַר האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע דעם 23טן אַפּריל, א וואָך פאַר דער קאָנווענשאָן, אויפגעלייזט דעם ברענטש — ד. ה. פאַרוואַנדלט אַלע מיטגלידער אין מעמבערס עט לאַרדזש.

אַף אַזא אופן האָט מען זיך באַפרייט פון א איבעריקן לינקן דעלעגאַט — און אגב אויך פון אַן אומגעווינשטן ברענטש. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די רעכטע עלעמענטן פון סאַן אַנטאָניאָ איז ניט שווער צו קריגן אַן ערלויבעניש אַף א נייעם ברענטש און אַז די לינקע וועט מען זען צו האַלטן אין דרויסן.

ווען אַזא פּראַקטיקע ווערט דורכגעפירט אין א גרעסערן מאַסשטאַב, קען מען זיך באַוואָרנען, אַז אַף די קאָנווענשאַנס זאָל די אָפּאָזיציע גאָר ניט זיין פאַרטראָטן.

פּראַקציעס אַף דער קאָנווענשאַן.

לויט דעם באַריכט פון דער קרעדענשעל קאָמיטע איז אַף דער קאָנווענשאַן געווען 1026 דעלעגאַטן. דאָס אײנציקע מאָל, וואָס די קאָנווענשאָן האָט געמאַכט אַ נאָמענטליכע אָפּשטימונג (ראָל קאָל) וועגן אַ שטרייט־פראַגע צווישן רעכטס און לינקס (דינסטיק דעם 5טן מאַי, וועגן צולאָזן אַ רעדנער פון דער „פרייהייט" און אידישער פעדעראַציע וואָרקערס פּאַרטי), האָט די אָפּשטימונג געגעבן 722 רעכטע און 237 לינקע — צוזאַמען 959. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די איבעריקע 67 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געפעלט צו 1026, זיינען אויך געווען אײנגעטיילט אַזוי, ווי די 959, וועט זיך באַקומען, אַז רעכטע דעלעגאַטן איז געווען אַן ערך 767 און לינקע אַן ערך 259, דאָס הייסט, אַז רעכטע איז געווען אומגעפער דריי מאָל אַזוי פיל, וויפיל לינקע, וואָס דאָס הייסט, אַז, ניט קוקנדיק אַף אַלע רדיפות און מאַכינאַציעס, האָט זיך אַף דער קאָנווענשאָן אָנגענומען איין לינקער אַף יעדע 3 רעכטע. אויב מען זאָל די זעלביקע פּראָפּאָרץ אַריבערטראָגן אַפן גאַנצן אַרבעטער־רינג מיט זיינע אָפיציעל־אָנגעגעבענע 84,477 מיטגלידער, וואָלט זיך באַקומען, אַז דער לינקער פליגל באַטרעפט 21,000. אין אמת'ן איז דער לינקער פליגל אַ סך שטאַרקער, ווארים ער באַשטייט פון טעטיקע, פּראָלעטאַרישע, באַוואוסטזיניקע עלעמענטן, וואָס לעבן מיטן אַרבעטער־רינג און באַשעפטיקן זיך מיט אַלע זיינע פראַגן, בשעת דער רעכטער פליגל האָט אַ גאַנץ גרויסן באַלעבאַטישן טייל, וואָס דער אַרבעטער־רינג איז בא אים אַ פינפטע ראָד אין וואָגן און וואָס מען דאַרף אים מינטערן און אפילו שיקן נאָך אים שלוחים, אַז ער זאָל קומען צו אַ מיטינג — וואָס דאָס טוט מען דערהויפּט פאַר אַ קאָנווענשאָן. מיר האָבן דאָס פולע רעכט צו זאָגן, אַז צווישן די *אַקטיווע* מיטגלידער פונם אַרבעטער־רינג פאַרמאָגט דער לינקער פליג *מינדעסטנס איין דריטל*.

אָבער אָנגענומען אפילו, אַז די צאָל פון די לינקע איז נאָר 21 טויזנט. אַף דער קאָנווענשאָן איז געווען צווישן 270 — 280 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן דעם פּראָלעטאַרישן טייל פונם אַרבעטער־רינג, דער דאָזיקער טייל איז געקומען מיט קאָנסטרוקטיווער קריטיק און מיט אַ פאָדערונג פון אַ ריי רעפאָרמען. דער לינקער טייל האָט געהאַט אַ רעכט אויסצודריקן זיין קריטיק און אַרויסשטעלן דאָס פּראָגראַם פון רעפאָרמען.

אָבער די אָפיציעלע פירער פונם אַרבעטער־רינג האָבן זיך אינגאַנצן געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די באַלעבאַטישע עלעמענטן. זיי האָבן פאַרוואַנדלט די קאָנווענשאָן אין אַ באַלעבאַטישע אסיפה. זיי האָבן אָנגעווענדעט אַלע טעראָריסטישע מיטלען (אויך די הילף פון פּאָליציי) צו שטערן דעם פּראָלעטאַרישן טייל אויס־

צודריקן זיינע איבערצייגונגען און ארויסצושטעלן און צו פאר־טיידיקן זיין פראָגראַם.

די גאַנצע קאָנוועגשאָן איז דורכגעגאַנגען אונטער אַ אידיש־באַלעבאַטישער, און ניט פּראָלעטאַרישער פּאָן.

אידעאָלאָגיע געגעבן אינ׳ם „פאָרווערטס“.

זונטיק דעם 3טן מאַי, ווען די קאָנוועגשאָן האָט זיך געעפנט מיט אַ פייערלאַכן מיטינג אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדען, איז אין „פאָרווערטס“ געווען אָפּגעדרוקט אַן עדיטאָריעל מיטן נאָמען: „אונזער גרויסער ארבעטער־רינג יום־טוב“. דער עדיטאָריעל גיט אַן אָפּשאַצונג פונ׳ם ארבעטער־רינג. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער עדיטאָריעל דריקט אויס ניט נאָר די מיינונג פונם „פאָרווערטס“ נאָר אויך פון די אָפיציעלע פירער פונם ארבעטער־רינג. ניט אומ־זיסט האָבן זיי אַף דער קאָנוועגשאָן דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע — דאַנקען דעם „פאָרווערטס“ פאַר דער גוטער ארבעט, וואָס ער טוט פאַרן ארבעטער־רינג.

אין יענעם אָפיציעלן עדיטאָריעל לייענען מיר אַזוי:

„דער ארבעטער־רינג איז איינע פון די גלענצנדסטע און פּרעכ־טיקסטע אינסטיטושאָנס, וועלכע אידן פאַרמאָגן“ (דאָ און ווייטער אונטערגעשטראָכן פון אונז).

„מיט זיין היינטיקן יארעס־פעסט וועלן אים באַגריסן אַלע דיינקענדע און פאָרשריטלאַכע מענטשן פון יעדען ווינקעלע אין דער נייער וועלט און אין דער אַלטער“.

„דיזע אינסטיטושאָן איז איינג צוזאַמענגעבונדן מיט דעם גאַנצן גייסטיקן לעבן פון אונזער אידעשער אי־מיגראַנטן־באַפעלקערונג אין יעדער שטאָט און שטעטעלע פון אַמעריקע“.

„ווי גרויס און וויכטיק עס איז די גייסטיקע ראָלע פון אר־בעטער־רינג אין דעם לעבן פון די אַמע־ריקאַנער אידן, קען אָפּשאַצן נאָר דער, וואָס איז מיט זיין טעטיקייט גוט באַקאַנט.“

„כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטעלע אין די יונייטעד סטייט און קענעדע איז פאַראַן אַ ברענטש פונם ארבעטער־רינג, און יעדער ברענטש אַזעלכער איז אַ סטיישאָן פון פּראָגרעס, פון פאָרשריט, פון אַלעם, וואָס שטרעבט צו גוטעם און ליכטיקעס אין דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלאַכן לעבן“.

„ווען אין אַזאַ שטעטעלע קומט אריבער אַ דיינקענ־דער מענטש, האָט דיזער ברענטש פאַר אים דיזעלבע באַדייטונג, וואָס אַ שול אָדער אַ בית־המדרש פאַר אַ רעליגיעזן מענטשן.“

„דורך דעם ברענטש ווערן די מיטגלידער צוזאַמענגעקייטלט מיט די בעסטע גייסטער, וואָס די שטעטל פאַר־מאָגט“.

„דער אַרבעטער־רינג — דאָס איז אַ גילדענער רינג, וועלכער קייטלט צוזאַמען *אַלע שיינע* פּאָרטשריטלאַכע באַוועגונגען פון יוראָפּ מיט אַמעריקע“.

„דער אַרבעטער־רינג האָט אַ ריזיקן איינפלוס אין דער ריכטונג פון די *שענסטע און די בעסטע שטרעבונגען, וועלכע די מענטשהייט האָט אַנטוויקלט*“.

אין דעם דאָזיקן עדיטאָריעל דערציילט מען אונז, אַז דער אַרבעטער־רינג איז אַ וויכטיקע אינסטיטוציע ב אַ *אידן* — *סתם* אידן, אידישע באַפעלקערונג, אידישע עמיגראַנטן־באַפעלקערונג; אַז דער אַרבעטער־רינג שטרעבט צו פּראָגרעס, — *סתם* פּראָגרעס, *סתם* גוטע און ליכטיקע זאַכן; מען לויבט אים, אַז ער האָט אַן איינפלוס אַף די בעסטע שטרעבונגען פון דער *מענטשהייט*, — סתם מענטשהייט פון אַמעריקע און איירָאָפּע; מען פאַרזיכערט אונז, אַז אים האָבן ליב אַלע *דיינקענדע מענטשן*, — סתם דיינקענדע, פּאָרטגעשריטענע, לייטישע מענטשן פון יעדן מעגלאַכן לאַגער. מיט קיין איינציקן אויסדרוק, מיט קיין איינציקן וואָרט, מיט קיין איינציקער אַנצוהערעניש ווערט ניט דערמאָנט, אַז דער אַרבעטער־רינג איז אַ *אינסטיטוציע פון אַרבעטער*, אַז זיין קולטור־צוועק דאַרף זיין פאַרבעסערן דאָס גייסטיקע לעבן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, אַז זיין שטרעבונג דאַרף גיין אין דער ריכטונג פון *אָפּשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג* און איינפירן געזעלשאַפטלאַכע אייגענטום אַף דער ערד און פאַבריקן און אַנדערע פּראָדוקציע־מיטלען, קורץ: אַז דער אַרבעטער־רינג איז אַ *פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף דורכגעדרונגען זיין מיטן סאָציאַליסטישן גייסט*.

מיט דער גרעסטער פאָרזיכט האָט דער אָפּיציעלער עדיטאָריעל פונם „פאָרווערטס“ זיך געהיט פאַר יעדן מינדסטן אויסדרוק, וואָס האָט אַ שייכות מיט אַרבעטער־לעבן אָדער מיט אַרבעטער־באַוועגונג. דער דאָזיקער אָפּיציעלער עדיטאָריעל וואָלט געקענט אָנגעשריבן ווערן *וועגן יעדן ליבעראַלן אָרדן*, וועגן יעדן באַלעבאַטישן אָרדען בכלל.

דאָס איז ניט קיין צופאַל, דער „פאָרווערטס“ האָט געוואוסט, וואָס ער טוט. דער „פאָרווערטס“ האָט ניט געוואָלט דערצאָרענען די באַלעבאַטישע אידן, וואָס געערן צום אַרבעטער רינג. ער האָט געשריבן אַזוי, אַז די בורזשואַזע עלעמענטן זאָלן האָבן הנאה. וועגן די *אַרבעטער* פונם אַרבעטער־רינג האָט ער זיך ווייניק געקימערט.

מיט אָט דעם עדיטאָריעל איז געגעבן געוואָרן דער טאָן פאַר דער גאַנצער קאָנווענשאָן.

די „נשמה“ אף דער קאָנווענשאָן

די אָפיציעלע פירער און די אָפיציעלע באַגריסער פון דער קאָנווענשאָן האָבן א סך גערעדט וועגן דעם, אז דער ארבעטער־רינג האָט ניט נאָר א גוף, נאָר אויך א נשמה. דער אמת איז, אז אין אים קעמפן צ ו ו י י נשמות — א בורזשואזע און א פראָלעטאַרישע. די פראָלעטאַרישע נשמה איז אף דער קאָנווענשאָן געווען פארטראָטן דורכן לינקן פליגל — אָבער, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, האָט מען איר געשטעלט יעדע שטרויכלונג, אז זי זאָל ניט קענען קומען צום אויסדרוק. די בורזשואזע נשמה האָט געפונען איר פולן אויסדרוק אין די רעדעס און אין די האנדלונגען פון דער אָפיציעלער פירערשאפט מיט אירע געקליבענע אייגענע מענטשן. די בורזשואזע נשמה האָט גערעדט און געהאנדלט אזוי, אז דער קליינבירגער און דער גביר און אפילו דער שול־איד פונ׳ם ארבעטער רינג זאָלן בלייבן צופרידן.

געווען נאָר איין מענטש, וואָס האָט אף דער קאָנווענשאָן גע־רעדט ווי א סאָציאַליסט. דאָס איז דער אַלטער דעבס, וואָס האָט קיין זאך ניט פארגעסן, נאָר, צום באַדויערן, אויך קיין זאך ניט געלערנט. דעבס האָט גערעדט וועגן פּאָליטישע ארעסטירטע, וועגן דער געפאַר פון קריג, וועגן דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג אַלס א מיטל אָפּצושאַפן מלחמות. דעבס האָט אפילו עפּעס א זאָג גע־טאָן וועגן דעם, אז די ארבעטער וועלן איבערנעמען די רעגירונג אין זייערע הענט. דעבס׳עס רעדע איז געווען אזוי פארשיידן פון אַלע איבעריקע קאָנווענשאָן־שמועסן, אז דאָס האָט אף די „פאָרווערטס“־לייט אַליין געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלאַכן איינדרוק. דער באַ־ריכט וועגן דעם אין „פאָרווערטס“, מאָנטיק, דעם 21טן מאַי, זאָגט כמעט מיט פארוואונדערונג:

— „גענאָסע ד ע ב ס ה א ל ט א ס אָ צ י א ל י ס ־ ט י ש ע ר ע ד ע“.

אַלע איבעריקע רעדעס און רעזאָלוציעס און באַשלוסן האָבן נ י ט געהאַט קיין שום שייכות מיט די אָנגעווייטאָקטע פראַגן פונם אחבעטער־קאַמף און מיט דער פראָלעטאַרישער שטרעבונג צו ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג.

עס איז קיין צווייפל ניט, אז דער וויכטיקסטער צווייג פון דער ארבעטער־רינג־טעטיקייט געפינט זיך אין די הענט פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע. אויב מען קען ריידן וועגן א נשמה אינם אָרדען, איז אָט די נשמה אויסגעדריקט אין דער קולטור־ארבעט פון בילדונג און דערציאונג. די קולטור־ארבעט פונ׳ם ארבעטער־רינג האָט זיך אין די לעצטע יאָרן קאָנצענטרירט, ערשטנס, אין די שולן, צווייטנס אין לעקטשור טורס. לויט ס׳איז איבערגעגעבן אין „פאָר־ווערטס“, האָט נ. פיינערמאַן, אין א באַריכט פון דער עדיוקיי־שאָנאַל קאָמיטע, זיך אָפּגעשטעלט אףביידע סאָרטן ארבעט. וועגן די שולן האָט ער אָנגעוויזן:

„אַז די קולטורעלע אַרבעט בכלל און די אַרבעטער־רינג־שולן בפרט ווערן פּאָפּולערער צווישן די אַרבעטער־רינג־מיטגלידער פון טאָג צו טאָג. די שוועריגקייט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס מען קען גענוי ניט אויסגעפינען די מיינונג פון די מיטגלידער, און וואָס די עדיוקיישאָנאַל טעטיקייט זאָל באַשטיין און ווי אַזוי זי זאָל אָנגעפירט ווערן. יעדער איינער האָט אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם“.

„קיין לעקטשור טורס זיינען לעצטן יאָר ניט אָרגאַניזירט געוואָרן ערשטנס צוליב דעם, ווייל מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז אַזעלעכע טורס זיינען ניט פּראַקטיש און, צווייטנס און הויפּטזעכלאַך, צוליב דעם פראַקציאָנעלן קאַמף, וואָס קומט פאָר אין פילע בראַנטשעס. עס איז היינטיקע צייטן שווער צו געפינען אַ לעקטשורער, וועלכער זאָל קענען ריידן איבער אַ טעמע, וואָס זאָל צופרידנשטעלן אי די רעכטע, אי די לינקע, סיידן מען זאָל לעקטשורן וועגן מאַטעמאַטיקע אָדער אַנדערע אַזעלכע זאַכן“. („פאָרווערטס“, 8טן מאַי, 1925).

אַף אָט די טיילן פונם באַריכט איז זיך כדאי אָפּצושטעלן געוויער. דער אָפיציעלער באַריכט־אָפּגעבער איז מודה, אַז די פירער פונם אַרבעטער־רינג ווייסן ניט, וואָס פאַר אַ שולן עס זיינען נייטיק פאַרן אָרדען. זאָלן דאָס זיין *פּראָלעטאַרישע שולן*, אָדער זאָלן דאָס זיין *אַלגעמיינע פראָגרעסיווע שולן*? זאָלן די למודים זיך מערסטנס קאָנצענטרירן אַף אידישקייט אָדער זאָלן זיי זיך קאָנצענטרירן אַף סאָציאַלע פראַגן? עס קעמפן ריכטונגען אין דער שול־פראַגע, עס איז דאָ אַ וועלט מיט מיינונגען וועגן דער קולטור־לאַגע פון די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און וועגן זייער צוקונפט. די בעסטע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־מאַסע אינטערעסירן זיך זייער שטאַרק מיט דער פראַגע פון פּראָלעטאַרישער קולטור און פּראָלעטאַרישער דערציאונג. איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פּראָלעטאַרישע קולטור? אויב זי איז ניטאָ, ווי אַזוי זאָל מען זי שאַפן? איז די שול אפשר אַזאַ פּלאַץ, וואו מען קען אַנטוויקלען די עלעמענטן פון אַ פּראָלעטאַרישער קולטור? אויב קיין פּראָלעטאַרישער קולטור איז ניטאָ, *טאָ וואָס* זאָל מען געבן דעם דערוואַקסענעם אַרבעטער און וואָס זאָל מען געבן דעם אַרבעטערס קינד? עס איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז די קאַזיאָנע שול (פּאַבליק סקול) פלאַנצט אַריין אין די קינדער פאַראַכטונג צו זיינע עלטערן, פאַראַכטונג צום אַרבעטער־קאַמף, אָפּשיי פאַר רייכטום און „סוקסעס“, אַ פאַרגעטערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה און אַ שאָוויניסטישן דרך־ארץ פאַר מיליטאַריזם. דאַרף די אַרבעטער־רינג שול העמפן קעגן די דאָזיקע טענדענצן? אויב יאָ, טאָ דורך וועלכע מיטלען? זאָל מען די קינדער מאַכן פאַר *אידישע* שאָוויניסטן און נאַציאָנאַליסטן דורכדעם וואָס מען וועט זיי שטאָפּן מיט אַזוי גערופענע „אידישע“ קעגנשטאַנדן, אָדער זאָל מען די אידישע שפּראַך

און די אידישע ליטעראטור אויסנוצן פאר א מיטל אריינצופלאנצן אין די קינדערשע מוחות קאמף־אידייען, פראטעסט־געפילן, פראָלעטארישע אחדות־שטרעבונגען, אידעאלן פון א פראָלעטאריש־געפירטער געזעלשאפט אָן עקספלואטאטאָרס און עקספלואטירטע ?

אין דעם איינציקן באריכט, וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט דער גייסטיקער זייט פונם ארבעטער־רינג, האָט דער אָפיציעלער באריכט־אָפגעבער מודה געווען, אז די אָפיציעלע פירער ווייסן ניט, וואָס פאר א שול עס דארף האָבן דער ארבעטער־אָרדן און וואָס פאר א קולטור־טעטיקייט ער זאָל פירן. „מען קען", זאָגט ער, „געגוי ניט אויסגעפינען די מיינונגען פון די מיטגלידער, אין וואָס די עדיוקיישאָנאל טעטיקייט זאָל באשטיין און ווי אזוי זי זאָל געפירט ווערן. יעדער איינער האָט אן אנדער מיינונג וועגן דעם". דערמיט האָט ער אָפגע'פטר'ט דעם גאנצן ענין. „מען קען ניט אויסגעפינען די מיינונג"... נו, און וואָס איז די מיינונג פון ד ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ר ע ק ז ע ק ו ט י ו ו ע ? און וואָס זיינען די רעקאָמענדאציעס פון דער עדיוקיישאָנאל קאָמיטע ? און וואָס דארף זיין אין דעם פרט דער באשלוס פון דער קאָנוועגשאָן ? אויב ניט צוליב אויסארבעטן א ליניע פארן אָרדען, טאָ צו וואָס האָט מען געדארפט די קאָנוועגשאָן ? אויב דער ארבעטער־רינג האָט ניט נאָר א גוף, נאָר אויך א נשמה, טאָ ווער זאָל זאָרגן אָט וועגן דער נשמה, אויב ניט דער העכסטער אָרגאן — די קאָנוועגשאָן ?

מיט א גלאטן לעבער און אָן דעם מינדסטן צווייפל האָט מר. פיינערמאַן אָפגעגעבן זיין מערקווירדיקן באריכט. זאָל מען אָבער ניט מיינען, אז דאָס איז פשוט די אומוויסנקייט פון אַן עם הארץ. אונטער אָט דער מאסקע פון עם־הארצישער אומשולד איז דאָ א באטשימטע פאָליטיק. די אָפיציעלע פירער פונם ארבעטער־רינג ווילן ניט קיין פראָלעטארישע שול, קיין פראָלעטארישע דערציאונג. ווען זיי זאָגן : „מען קען ניט דערגיין, וואָס די מיטגלידער ווילן", מיינען זיי, אז אלצדינג זאָל בלייבן באַם אלטן, אז קיין רעפאָרמען זיינען ניט נויטיק, אז די אידישלאַך־נאציאָנאליסטישע דערציאונג וואָס ווערט געגעבן אין זייער א גרויסער צאָל ארבעטער־רינג־שולן, דארף פאָרטגעזעצט ווערן אויף ווייטער, אז אויב באלעבאטישע טאטעס ווילן אפילו פארלאנגען רעליגיעזן אונטעררי‏כט („דאווענען, ברכות און קידוש") ווי דאָס פארלאנגט מען אין איניקע שולן, איז אויך ניט קיין אומגליק, אז בכלל איז ניטאָ וואָס צו קריכן אויף גלייכע ווענט, נאָר מען דארף זיין פיין, באלעבאטיש, סטאטעטשנע — און איידער ריידן וועגן ריכטונגען, פראָגראמען און פראָלעטארישקייט, בעסער ריידן פון דאָלארס און סענטן, וואָס מען גיט אוים אף די שולן. דאָלארס און סענטן זיינען מער צום הארצן דעם באלעבאטישן אידן מיט זיינע אויף־מיר־סאָציאליסטישע משרתים.

עס זאָל באמערקט ווערן, אז אין דער גאנצער אָפיציעלער פרעסע איז מיט קיין איינציקן ארטיקל ניט באהאנדלט געוואָרן די ריכ־

טונג פון דער קולטור־טעטיקייט פונם ארבעטער־רינג. מ׳האט זיך דערפאר פונקט אזוי געהיט, ווי פאר דעם באגריף „קולטור־קאמף“ און „ארבעטער־הערשאפט“. מ׳האט מורא געהאט אט פאר די ערנסטע פראגן. דאס קליינבירגערטום האט שטענדיק מורא פאר ערנסטע פראגן — פאליטישע, סאציאלע אדער קולטורעלע.

די איבעריקע באריכטן פון די אפיציעלע טוער האבן זיך מערסטנס פארנומען דערמיט, וואס זיי האבן באשולדיקט די לינקע. אבער אויך דארט איז ניט געווען קיין אידייען־קאמף, קיין פארטיידיקונג פון פרינציפן, נאר באשולדיקונגען אין „ברעכן“, „שטעכן“, „באשמוצן“ און „פארלוימדן“.

אט אזוי האט אויסגעזען די נשמה פון ארבעטער־רינג אף וויפל זי האט געפונען איר אויסדרוק דורך די רעכטע. אפשר אז ניט איבעריק צו דערמאנען, אז דער אפיציעלער אדוואקאט און טוער פונם ארבעטער־רינג מר. מייער לאנדאן, האט דוקא ניט ארויסגערופן קיין פראטעסטן אף דער קאנווענשאן, ווען ער האט געזאגט, אז מ׳דארף גאר ניט האבן קיין שולן פאר די קינדער, אז מען דארף זיי גאר האבן פאר די עלטערן, כדי זיי זאלן זיך לערנען פארשטיין זייערע קינדער, וועלכע ווערן גאנץ פיין אויסגעמענטשלט אין די קאזיאנע שולן און וועלכע זיינען א סך לייטישער, ווי זייערע טאטע־מאמעס. מר. לאנדאן האט דא אויסגעדריקט א געדאנק, וועלכער איז ברייט פארשפרייט צווישן די ארבעטער־רינג פירער. מיר האבן שוין איינמאל דערמאנט, אז די שולן זיינען זיי א צרטשעפעניש, וואס זיי האבן עס קיינמאל ניט געוואלט. אויב זיי האבן אף דער קאנווענשאן וועגן דעם געשוויגן, איז דאס דערפאר, וואס זיי זיינען קליגער פון מייער לאנדאן.

וואס האבן געוואלט די לינקע אף דער קאנווענשאן

דער פראלעטארישער פליגל גייט זיך פאנאנדער מיט די רעכטע ניט אזוי אין די טעכניש־מאטעריעלע פראגן פונם ארבעטער־רינג ווי אין די גייסטיקע פראגן: אין דער אלגעמיינער פאליטישער ליניע אין דער ריכטונג פון דער קולטור־ארבעט, אין דעם געברויך פון געלט־מיטלען צו העלפן פארשיידענע אנשטאלטן אין אמעריקע און אייראפע. מיט אנדערע ווערטער: דער לינקער פליגל גייט זיך פאנאנדער מיט די רעכטע ניט אין די פראגן פונם גוף, נאר אין דעם, וואס מ׳האט אנגערופן די נשמה פונם ארבעטער־רינג.

זאל דא קלאר ווערן איינמאל פאר אלעמאל: בא די לינקע איז ניט א פראגע, ווער ס׳זאל שטיין באם רודער פונם ארבעטער־רינג, נאר וואוהין מען זאל אים רודערן, אין וועלכן ריכטונג מען זאל אים פירן. אויב די איצטיקע פירערשאפט וואלט אנגעהאלטן אן אלגעמיינע פראלעטארישע ליניע, וואלטן די לינקע ניט געפרעגט, ווער ס׳איז אן דער שפיץ, נאר זיי

וואָלטן געגעבן די פירער זייער פולע שטיצע. אויב זיי זעען, אַז די פירער זיינען געפאַנגען אינם פּלען פון באַלעבאַטישע עלעמענטן, איז זייער וואונש, פאַרשטייט זיך, אַז די פירערשאַפט זאָל אַריבער אין אַנדערע, ווירדיקע הענט, כדי דער אַרבעטער־רינג זאָל גערא־טעוועט ווערן פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז זייער ציל און זיי־ער שטרעבונג. אָבער צו דעם דאָזיקן ציל גייען זיי *דורכן וועג פון פּראָפּאַגאַנדע*. זיי ווילן ניט אויפרייסן דעם אַרבעטער־רינג. זיי ווילן אים ניט ברעכן. פאַרקערט, זיי ווילן אים זען *שטאַרקער און רייכער און שענער*. זיי זיינען זיכער, אַז אינם אַרבעטער רינג איז דאָ אַ גרויסע מערהייט אַרבעטער, פּראָלעטאַריער, וואָס אויב זיי וועלן באַקומען די נויטיקע אויפקלערונג, וועלן זיי ניט דערלאָזן, אַז זייער אָרדען זאָל באַהערשט ווערן פון באַלעבאַטישע מענטשן. אָט די דאָזיקע אַרבעטער וועלן די לינקע *אויפקלערן*, כדי זיי זאָלן פאַרשטיין די בורזשואַזע געפאַר, וואָס לויערט אַפן אַרבעטער־רינג. אָט די מערהייט ווילן די לינקע אויפוועקן, כדי זי זאָל אַריינגעמען דעם אַרבעטער־רינג אין אירע פּראָלעטאַרישע הענט.

מיט דעם צוועק פון אויפקלערונג, פון פּראָפּאַגאַנדע, פון אי־דייען־קאַמף, זיינען די לינקע געקומען אַף דער קאָנווענשאָן.

אַ וואָרט־פירער פון די רעכטע האָט ציניש־גראָביונגעריש גע־מעלדעט, אַז ער מיט זיינע חברים ווייסן ניט „אין וואָס די עדיוקיי־שיאָנאַל טעטיקייט זאָל באַשטיין און ווי אַזוי זי זאָל אָנגעפירט ווערן“. די לינקע האָבן אָבער יאָ געוואוסט, וואָס זיי ווילן, און דאָס פּראָגראַם זייערס אין אָט דער קאַרדינאַלער פראַגע האָבן זיי פאָרמולירט אין דעם פאָלגנדיקן דאָקומענט:

רעזאָלוציע וועגן די קולטור אויפגאַבן פון „אַרבעטער־רינג“.

נעמענדיק אין אכט,

1) אַז דער אַרבעטער־רינג איז אַן אינטערפּאַרטיי־אישע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז מחויב צו העלפן מאַטעריעל און גייסטיק אַלע צווייגן פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג אָן אונטערשייד פון פּאָליטישע ריכ־טונג,

2) אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון אַרבעטער־רינג איז אויפצוקלערן די ברייטסטע מאַסן אידישע אַרבעטער אין דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן זיך עקאָנאָמיש און פּאָלי־טיש, כדי מיט פאַראייניקטע כחות צו קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרד־נונג פון דער מאַכט דורך דעם אַרבעטער־קלאַס,

באַשליסט די 25יאָריקע קאָנווענשאָן, אַז פון איצט און ווייטער זאָל זיך דער אַרבעטער־רינג אָפּגעבן אויפן

ברייטסטן אופן מיט אזא קולטור-טעטיגקייט, וואס זאל פולשטענדיק אנטשפרעכן די קלאסן-נויטן און קלאסן באדערפנישן פון די אידישע ארבעטער-מאסן אין זייער קאמף פאר דער ענטגילטיקער ארבעטער-באפרייאונג.

פאר דעם צוועק זאל דער ארבעטער-רינג

א) גרינדן א גרויסן אידישן ביכער פארלאג, וואס זאל שאפן פאר די ברייטסטע מאסן אידישע ארבעטער מארקסיסטיש-רעוואלוציאנערע ליטעראטור אויף אלע געביטן פון וויסנשאפט און קונסט, — פון פאפולערע בראשון ביז די ערנסטע ביכער — כדי צו אנטוויקלען בא זיי אן אמת'ע פראלעטארישע קאמפס-אידעאלאגיע.

ב) עפענען אומעטום ספעציעלע אידישע ארבעטער-ביבליאטעקן און ארבעטערמוזעאומס.

ג) אויסברייטן די טעטיגקייט פון די עקזיסטירנדיקע לייבאר לייסעאומס און אויפבויען נייע, וואו אזעלכע זיינען ניטא, וואס זאלן ווערן אמת'ע פראלעטארישע קולטור-צענטערן, סיי לויט זייער גייסט און סיי לויט זייער פירונג, פאר געזעליגקייט און פארוויילונג.

ד.) אויסשפרייטן איבערן גאנצן לאנד דעם נעץ פון עלעמענטארע אידישע ארבעטער-קינדער שולן, מיטל שולן, קורסן פאר דערוואקסענע ארבעטער און גוט איינגעריכטעטע ארבעטער-אוניווערזיטעטן, וואס זאלן געבן די שילער אן אמת'ע רעוואלוציאנערע פראלעטארישע דערציאונג, אן קיין שום נאציאנאליסטישער באפארבונג, און צוגרייטן טיכטיקע און קאמפס-לוסטיקע טוער פאר דער ארבעטער-באוועגונג.

ה) פארוואנדלען דעם „פריינט" אין א גרויסן ערנסטן מארקסיסטיש-רעוואלוציאנערן געזעלשאפטליך ליטעראַרישן חודש-זשורנאל, וואס זאל האלטן הויך די פאן פון קלאסן-קאמף און זיין פריי פון וועלכע עס איז אפארטוניסטישע טענדענצן.

ו) באנייען די ארויסגאבע פון „קינדערלאנד", וואס זאל איינפלאנצן בא די קינדער די ליבע צו אלץ, וואס איז פארבונדן מיט דעם קאמף פון דעם ארבעטער-קלאס פאר זיין ענטגילטיקער באפרייאונג, און א האס צו דער אלטער וועלט מיט אלע אירע אבערגלויבענישן און טראדיציעס, צו דער פארשימעלטער פארגאנגענהייט מיט אלע אירע רעליגיעזע יום-טובים און שאוויניסטיש-פאטריאטישע באבע-מעשיות.

ז) גרינדן כאָרן און אָרקעסטרעס, וואָס זאָלן זיין אר־בעטער אינסטיטוציעס ניט בלויז לויט זייער צוזאַמענשטעל, נאָר אויך לויטן מוזיקאַלישן גייסט און אינהאַלט.

ח) שאַפן אַ אידישן פּראָלעטאַרישן קונסט־טעאַטער.

ט) איינפירן סיסטעמאַטישע עפנטלאַכע לעקציעס און פאַרווייַלונגען פאַרן ברייטן אַרבעטער־עולם אַלס קעגן־גיפט צו די לעקציעס און פאַרווייַלונגען, וואָס ווערן פאַראַנשטאַלטעט פון די בורזשואַזע אינסטיטוציעס.

3) כדי דער אַרבעטער רינג זאָל קענען דורכפירן זיינע גרויסע קולטורעלע אויפגאַבן, זאָל פאַר דעם אויסגעטיילט ווערן אַ גענוגענדיקער פאָנד פון זיין קאַסע און דורך ספּעציעלע שטייערן אויף די מיטגלידער, אַז עס זאָל קיינמאָל ניט זיין קיין אָפּהאַלט און מאַנגעל אין מאַטעריעלע מיטלען.

4) מיט אַלע געלדער פון קולטור־פאָנד זאָל פאַרוואַלטן דער בילדונגס דעפּאַרטמענט.

5) דער בילדונגס דעפּאַרטמענט זאָל אָנגעפירט ווערן פון אַזעלכע פאַך־לייט און קאָמפּעטענטע פּערזאָנען, וואָס שטייען אינגאַנצן אויפן באָדן פון קלאַסנקאַמף און פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

6) די גאַנצע קולטור־אַרבעט זאָל זיין צענטראַליזירט און ליגן אין די הענט פון נאַציאָנאַלן בילדונגס־דעפּאַרטמענט מיט אַלע זיינע נויטיקע אָפּטיילונגען.

7) ס'זאָל געשטיצט ווערן מאַטעריעל און גייסטיק יעדע וויכטיקע קולטורעלע אונטערנעמונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג סיי אין אַמעריקע און סיי אין אויסלאַנד.

דאָס איז ניט קיין פּ א ר ט י י ־פּראָגראַם: דאָ רעדט זיך ניט וועגן שטיצן די אָדער יענע פּאַרטיי. דאָס איז אָבער אַן אַרבעטער־רינג פּראָגראַם, לויט וועלכן מ'האָט אים געפירט די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן. עס איז אַן אַ ל ג ע מ י י ן ־ פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש פּ ר אָ ג ר אַ ם, וואָס אַנערקענט, אַז ס'איז דאָ קלאַסן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, אַז ס'קומט פאָר אַ קאַמף צווישן קלאַסן, אַז דער אַרבעטער קלאַס איז אַ טויט־פיינט פון דעם קלאַס בורזשואַזיע, אַז דער אַרבעטער־רינג אַלס אַ הילף־און־קולטור־אינסטיטוציע דאַרף געהערן דעם אַרבעטער־קלאַס און אַז די קולטור־אַרבעט פון אַרבעטער־רינג דאַרף העלפן אַנטוויקלען די גייסטיקע וואָפן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף.

מיט אָט דעם פּראָגראַם זיינען געקומען די לינקע. אָט דאָס האָבן זיי געוואָלט פאַרטיידיקן אַף דער קאָנווענשאָן.

־זיינען זיי גערעכט? קען מען דורכפירן אַט דאָס פּראָגראַם? וויל דאָס דער ארב.־רינג? וויל דאָס די מערהייט פון דער קאָנווענשאָן? וואָס קענען אַרבעטער זאָגן קעגן אַזאַ פּראָגראַם?

די לינקע זיינען געקומען קעמפן מיט גייסטיקע וואפן. זיי האָבן געוואָלט קריטיקירן דעם וועג, אין וועלכן די איצטיקע פירערשאַפט האָט אוועקגעפירט דעם אָרדען. זיי האָבן געוואָלט אָנווייזן אַן אַנדער וועג, וואָס איז נויטיק פאַר די אַרבעטער־מאַסן.

די אָפּיציעלע פירער האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס פּראָגראַם פון די לינקע זאָל פאַרטיידיקט ווערן אַף דער קאָנווענשאָן. די הערשנדע גרופּע האָט געוואוסט, אַז אויב ס׳קומט צו אַ שטרייט פון אידייען און ריכטונגען, האָט זי אַ קנאַפּן טשענס. די רעדל־פירער פון דער קאָנווענשאָן האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז דאָס פּראָלעטאַרישע פּראָגראַם זאָל פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן אין זיין גאַנצער ברייט. טאָמער וואָלט די גרויסע מאַסע מיטגלידער איינגעזען, וואָס די לינקע ווילן, וואָלט דאָס געווען אַ קלאַפּ פאַרן באַלעבאַטישן איינפלוס. די רעכטע טוער האָבן ניט געקענט דערלאָזן, אַז די באַליבטע בורזשואַזע עלעמענטן זאָלן געקריוודעט ווערן אים אַרבעטער־רינג. זיי האָבן טאַקע מורא געהאַט, אַז די באַלעבאַטישע אידן וועלן ווערן ברוגז. וואָס איז ווערט די גאַנצע רעכטע קאָמפּאַניע אָן דער הילף פון די באַלעבאַטישע אידן?

דער גאַנצער קאַמף אויף דער קאָנווענשאָן האָט זיך געפירט אַרום דעם פּונקט: זאָלן די לינקע עלעמענטן באַקומען אָדער זאָלן זיי ניט באַקומען די מעגלאַכקייט פאַנאַנדערצעוויקלען דאָס פּראָלעטאַרישע פּראָגראַם? די לינקע האָבן געוואָלט דערהערט ווערן פון די אַרבעטער־מאַסן. די רעכטע האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו זיכערן די באַלעבאַטישע דיקטאַטור.

מאַשין־מעטאָדן אַף דער קאָנווענשאָן.

פון דער ערשטער ביז דער לעצטער מינוט איז די קאָנווענשאָן געפירט געוואָרן אַזוי, אַז מען זאָל פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. אַלע זיצונגען ביז איינער זיינען געווען געווידמעט דער אַרבעט פון פאַרשרייען די לינקע, פאַרטומלען דער מערהייט דעם קאָפּ מיט דעלעגאַטן די מחות, כדי מען זאָל ניט דערגיין צו ערנסטע פּראָגראַמאַטישע פראַגן.

„מיר האָבן ניט קיין פראַקציעס אינם אַרבעטער־רינג". האָט מער ווי איינמאָל אויסגערופן דער געוועזענער פּאָרזיצער וויינבערג. אָבער יעדער איינער פון די באַריכט־אָפּגעבער האָט ניט אויפגעהערט צו דערצוולן וועגן דעם קאַמף פון ריכטונגען. און די 260־250 לינקע דעלעגאַטן זיינען דאָך געזעסן אין זאַל און האָבן געבילדעט

א גאנץ סאלידן בלאק. וואס־זשע האט דאס געהייסן: מיר האבן ניט קיין פראקציעס? עס האט געהייסן, אז די הערשנדע מאשין וועט ניט דערלאזן די לינקע אויפהויבן א קאפ, אז מ'וועט זיי אונטערדריקן אזוי, אז מען זאל גאר זייער שטים ניט דערהערן.

מען דארף צוגעבן, אז די מאשין האט געטאן, וואס זי האט נאר געקענט.

מ'האט ניט אויסגעקליבן קיין איינציקן לינקן אין סעקרעטאריאט, אין קרעדענשלס קאמיטע און אין אלע איבעריקע קאנווענשאן־קאמיטעס. מ'האט ניט גערופן קיין איינציקן לינקן צו זיין א ציילער. מ'האט זיך באווארנט, אז א ראל־קאל זאל מעגן פאדערן נאר א מערהייט פון דער גאנצער קאנווענשאן. דעם חבר קאסטרעל און דעם חבר מאורים, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געווארן פאר דעלעגאטן פון זייערע ברענטשעס, האט מען ניט צוגעלאזט מיטן אויסרייד, אז זיי זיינען מעמבערס עט לארדזש, דערפאר ווען ס'איז געקומען צום דעלעגאט פון ברענטש 224, וועלכער איז פארשריבן (ענראלט) פאר א מיטגליד אין דער דעמאקראטישער פארטיי, האט דער גענעראל־סעקרעטאר באסקין דערקלערט, אז "דאס איינציקע, וואס די קאנווענשאן קען טאן, איז אויסשליסן אים מאראליש", דאס הייסט אז ער מעג בלייבן אין זאל און באטייליקן זיך אין דער קאנווענשאן, ווי יעדער אנדערער דעלעגאט. מ'האט דורכגעפירט אזא טאג־ארדנונג, אז ס'איז ניט געווען קיין אלגעמיינע דעבאטן נאך יעדן באריכט און ס'איז בכלל ניט געווען קיין דעבאטן. ערשט אפן אכטן טאג פון דער קאנווענשאן, א פאר שעה איידער מ'האט זי פארמאכט, האט מען באוויליקט איין האלבע שעה אף אינטערפעלאציעס וועגן דער טעטיקייט פון אלע דעפארטמענטס אינם ארבעטער־רינג פאר דריי יאר צייט. א פערטל מיליאן דאלער האט אפגעקאסט די קאנווענשאן דעם ארבעטער־רינג, כדי די דעלעגאטן זאלן האבן א האלבע שעה צייט צו שטעלן פראגן און קריטיקירן די פירונג פונב ארדן צווישן איין קאנווענשאן און דער צווייטער.

אויך די רעזאלוציעס זיינען דורכגעגאנגען אזוי גוט ווי אן דעבאטן. ווען די לינקע האבן אויפגעהויבן א שטארקן פראטעסט פאר אראפשלינגען וויכטיקע רעזאלוציעס, האט מען אנגעהויבן געבן דאס ווארט צוויי רעדנער פאר און צוויי — קעגן — אפטמאל אפילו נאר איינעם פאר און איינעם קעגן, — און די רעדנער האבן באקומען יעדערער צו פינף מינוט. רעכנט מען צענויף אלע פינף־מינוטיקע רעדעס מיט דער האלבער שעה פאר אינטערפעלאציעס, וועט זיך קוים באקומען גאנצע דריי שעה פון דעבאטן. דריי שעה אין א משך פון צען טעג! אריבער טויזנט דאלער פאר יעדער מינוט פון דעבאטן!

די איבעריקע צייט איז אוועק אף באגריסונגען און באריכטן. גאנצע טעג, א סך טעג זיינען אוועקגעגאנגען אף באגריסונגען.

ס'האָבן „באַגריסט“ פּאַרטרעטער פון מושב זקנים'ס, פון בית־יתומים'ס, פון האָספּיטאַלס, פון אַלע אַנדערע אַנשטאַלטן. ס'האָבן באַגריסט אינסטיטוציעס און פּערזאָנען. מ'האָט גערעדט אָן אַ שיעור, געגנודיעט אָן אַ סוף! אַף אַלצדינג איז געווען צייט, נאָר ניט אַף דעבאַטן. קיין דעבאַטן האָט מען ניט דערלאָזט. באַריכטן זיינען ניט געווען. פּאַקטיש האָט די קאָנוועגשאָן ניט געטאָן קיין שום אַרבעט. צו וואָס האָט מען געדאַרפט האָבן אַזאַ טאַראַראַם, אויב מ'האָט ניט געטאָן קיין אַרבעט. די איינציקע, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן די קאָנוועגשאָן, זיינען די אָפיציעלע רעדל־פירער, און געדאַרפט האָבן זיי זי, כדי צו באַקומען אַ שטעמפּל פון הסכמה אַף זייער קליינבירגערלאַכן פירונג.

די פירער פון דער קאָנוועגשאָן האָבן געזען אָפּצוטיילן זיך פון די ברייטע מאַסן אַרבעטער־רינג מיטגלידער, פון די אַרבעטער־מאַסן בכלל. דער זאַל איז כסדר געווען באַוואַכט פון פּאָליציי און שפּיאָנען. פּאָליסלייט זיינען געשטאַנען אי אונטן, אי אַף דער גאַלעריי, אי אינדרויסן בא דער טיר. שפּיאָנען האָבן געשוויבלט און געגריבלט אומעטום. אַ וואַך פון אויסגעפּרואווטע מאַשין־מענטשן איז געשטאַנען באַם טיר און דורכגעלאָזט נאָר געווינשטע, „בלאַגאָנאַדיאָזשנע“ מענטשן. אַריינגאַנג־בילעטן האָט מען פּאַנאַנדערגעטיילט נאָר צווישן אייגענע מענטשן, אָבער אויך די, וואָס זיינען געקומען מיט בילעטן, האָט מען געזיפּט דורך זיבן זיפּן. די גאַלערייעס זיינען נאָכן ערשטן טאָג כסדר געווען ליידיק. די פירער האָבן איינגעפירט עפּעס ווי אַ קריג־צושטאַנד אַף דער קאָנוועגשאָן.

אַזוי האָט מען זיך באַוואָרנט פאַר פּראָלעטאַרישן איינפלוס.

די פראַגע פון באַגריסונג.

ארום דער פראַגע פון די לינקע צו האָבן אַ רעדנער, וואָס זאָל ריידן צו דער קאָנוועגשאָן אינ'ם נאָמען פון דער „פרייהייט“ און דער וואָרקערס פּאַרטיי האָט זיך פּאַנאַנדערגעפּלאַקערט דער ערשטער שטרייט צווישןביידע ריכטונגען אַף דער קאָנוועגשאָן. דער רעדנער איז געקומען מיט אַ קרעדענשעל פון דער „פרייהייט“ און דער אידישער פעדעראַציע וואָרקערס פּאַרטי. דער שומר באַם טיר, איינער אָן אַלטער רעכטער מיטן נאָמען וואולף, האָט אים אַריינגעלאָזט אין זאַל. ווען ער איז צוגעקומען צו דער פּלאַטפאָרמע און דערלאַנגט זיין קרעדענשעל, נאָך איידער דער פּאָרזיצנדער האָט אים באַוויזן צו ענטפערן, האָט זיך מייער לאָנדאָן צו אים געוואָרפן שלאָגן. אין זאַל איז געוואָרן אַ שרעקלאַכער טומל. דעם פּאַרטרעטער פון דער „פרייהייט“ האָט מען געבעטן, ער זאָל פאַרלאָזן דעם זאַל, דערביי האָט מען אים פאַרזיכערט, אַז די קרעדענשל קאָמיטע וועט באַטראַכטן זיין קרעדענשל.

שפּעטער האָט די קרעדענשל קאָמיטע אַריינגעטראָגן און די קאָנוועגשאָן האָט אָנגענומען די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די קרעדענשל קאמיטע האט ערהאלטן א קרעדענשל פון דער אידישער אפטיילונג פון דער „ווארקערס פארטי" און פון דער ציימונג די „פרייהייט", פארלאנגענדיק, אז אלגין זאל צוגעלאזט ווערן צו באגריסן די קאנווענשאן אין נאמען פון די צוויי אויבענדערמאנטע קערפערשאפטן.

די קרעדענשל קאמיטע, נאך א לענגערע דיסקוסיאן, האט אנגענומען וועגן דיזער אנגעלעגענהייט פאלגענדע רעזאלוציע :

1) נעמענדיג אין אנבאטראכט אז אלגין איז דער פירער פון א באוועגונג און א ציימונג, וועלכע האט זיך געשטעלט אלס איר הויפט אויפגאבע צו דיסקרעדיטירן און פאר'מיאוס'ן דעם ארבעטער־רינג אין די אויגן פון זיינע מיטגלידער און פון די ארבעטער, וועלכע דארפן ווערן די צוקינפטיקע מיטגלידער אין ארבעטער־רינג.

2) די ציימונג וועלכע ער פארטרעט, שטעלט פאר איז דער עפנטלאכקייט דעם ארבעטער־רינג אלס אן ארגאניזאציע פון סקעבס, פון באסעס, ריעל עסטייטניקעס און גראבע אלרייטניקעס, פון וועלכע יעדער ארבעטער דארף וויכן,

3) נעמענדיק אין אנבטראכט, אז אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג האט קיין שונא פון ארבעטער־רינג ניט געוואגט אזוי צו דיסקרעדיטירן און פארלוימדן אונזער ארגאניזאציע ;

4) אין אנבאטראכט, אז אין די באריכטן פון דער קאנווענשאן ווידערהאלט זיין ציימונג די זעלבע שענדלאכע אטאקעס אף דעם ארבעטער־רינג, אף אלע אירע פירער און אקטיווע טוער, ווי אויך אף די דעלעגאטן פון דער איצטיקער קאנווענשאן ;

5) און נעמענדיק אין אנבאטראכט, אז דער קאמף וואס זיין ציימונג און זיין פארטיי פירט אז, האט ניט אריינגעטראגן דעם גייסט פון מיינונגס־פארשיידנהייטן, וועלכער איז געזונט אין ארבעטער ארגאניזאציעס, נאר האט אריינגעטראגן האס און ברידערלאכע שנאה —

באשליסט די קרעדענשל קאמיטע, אז עס וואלט געוועז דאס גרעסטע באליידיקונג פאר דער קאנווענשאן און פאר דער גרויסער צאל מיטגלידער פון ארבעטער־רינג, אז דער פארטרעטער פון די דערמאנטע צוויי קערפערשאפטן זאל באגריסן די קאנווענשאן."

לאזנדיק אן א זייט דעם פיזישן אנפאל, וואס די פירער האבן העגן אים נ י ט פראטעסטירט און נ י ט געגעבן לאנדאנ'ען קיין אויסרייד פאר אים, וואס דאס הייסט, אז זיי האבן זיך אידענטיפיצירט מיט לאנדאנס האנדלונג און דערמיט באוויזן די

נידעריקייט פון זייער קולטור־שטאנד, איז כדאי צו באמערקן, אז דער איינציקער חטא, וואס די אפיציעלע רעדל־פירער געפינען סיי אין דער „פרייהייט“, סיי אין דער וואָרקערס פארטי, איז **קריטיק קעגן די איצטיקע פירער**. עס פארשטייט זיך, אז זיי רופן דאס „דיסקרעדיטירן און פארמיאוס׳ן דעם ארבעטער־רינג“. עס פארשטייט זיך, אז זיי מאכן דעם אנשטעל, אקוראט ווי דער שרייבער פון אט די שורות האט אנגערופן דעם גאנצן ארבעטער־רינג „אן ארגאניזאציע פון סקעבס, פון באסעס, פון ריעל עסטייטניקעס און גראבע אלרייטניקעס“. דאס איז בא זיי אזא מיטל פון פאלעמיק, דער לעזער, וואס האט דורכגעלייענט אט די בראשור, וועט מוזן איינזען, אז ניט דעם ארבעטער־רינג אלס **גאנצן** האבן מיר געקריטיקירט, נאר די אפיציעלע פירערשאפט, וואס האט זיך געשטעלט אפן צד פונם בורזשואזן, באלעבאטישן פליגל און פירט דורך זיינע פארשלאגן. אבער אפילו די ערגסטע צווישן דער רעכטער קליקע האבן ניט געקענט אנווייזן קיין אנדער חטא אף די פארטרעטער פון דער פארטיי, נאר אז זיי **דיסקרעדיטירן און פארלוימדן** — דאס הייסט זיי פירן אן א **שארפע קריטיק** קעגן געוויסע חסרונות אין דער פארוואלטונג פון דעם ארדן.

איז אויב אזוי, פרעגט זיך א פראגע: **פארוואס האט דער „פארווערטס“ יא געמענט שיטן שוועבל און פעך אפן לינקן טייל פונם ארבעטער־רינג, און פארוואס האט די „פרייהייט“ ניט געטארט קריטיקירן און פארדאמען די רעכטע?**

עס קעמפן צוויי לאגערן, צוויי עקסציאלע קרעפטן אינם ארבעטער־רינג : דער רעכטער און דער לינקער פליגל. ביידע זיינען טיילן פונם ארבעטער־רינג ; ביידע האלטן אוים דעם ארבעטער־רינג מיט זייערע מיטלען ; ביידע האבן א געזעצלאך רעכט אף זייערע פאליטישע אנשויאונגען און אף זייערע פלענער וועגן דער טעטיקייט פון דעם ארדען. איין פאליטישע ריכטונג — די קליינבירגערלאך־רעפארמיסטישע, פארטראטן דורכן „פארווערטס“ הערט ניט אויף צו באהויפטן, אז דער לינקער טייל פונם ארבעטער־רינג איז א „באנטש פון שטערער און ברעכער“, פון גנבים און אויסוואורפן און וואס אין דער קארט. אן אנדער פאליטישע ריכטונג — די קאמוניסטיש־פראלעטארישע, פארטראטן דורך דער „פרייהייט“, באשולדיקט די רעכטע אין קליינבירגערלאכקייט, אין אפזאג פון פראלעטארישע אידעאלן, און פארשוועכן דעם פראלעטארישן נאמען פונם ארבעטער־רינג. איין ריכטונג און צייטונג — דער „פארווערטס“ — באקומט די פולע פרייהייט צו צושפרייטן זיך אף דער קאנווענשאן און אנצופילן זי מיטן איבלדיקן ריח פון זייער באלעבאטישער פעטקייט. די צווייטע ריכטונג און צייטונג ווערט ניט דערלאזן צו זאגן א ווארט אף דער קאנווענשאן.

וואָס הייסט דאָס ? די באַאמטע האָבן דערמיט גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז זיי האַלטן זיך פאַר באַאמטע נאָר פון זייערע געטרייע און ניט פון די, וואָס קריטיקירן. די פירער האָבן געלאָזט וויסן אַזוי קלאָר ווי נאָר מעגלאַך, אַז די צוואַנציק — פינף און צוואַנציק טויזנט מיטגלידער פון דעם ארבעטער־רינג, וואָס די “פרייהייט” איז זייער צייטונג און די וואָרקערס פּאַרטיי זייער פירערן, זיינען בײַ זיי ניט פאַררעכנט פאַר מיטגלידער פונם ארבעטער־רינג און האָבן אין אים קיין רעכט ניט. וואָס פאַר אַ וואונדער, אויב די לינקע וואָלטן ניט געקוקט אַף די באַאמטע, ווי אַף זייערע פאַרטרעטער ?

ווער שפּאַלט דעם ארבעטער־רינג ? *מאָראַליש* האָבן די וויינבערגס, דינערשטיינס, באַסקינס און קאַהאַניוקעס געשפּאַלטן דעם ארבעטער־רינג אַף דער קאָנווענשאָן דערמיט, וואָס זיי האָבן דערקלערט, אַז די לינקע זיינען רעכטלאָז.

“וועמען וויל ער דאָ באַגריסן ?„ — האָט אַ רעכטער רעדנער געפרעגט. „די דעלעגאַטן, וועלכע ער האָט אָנגערופן „כאַמעט“, אָדער די קאָנווענשאָן אַלס אַ גאַנצע אַף וועלכער ער האָט געשריבן, אַז עס געפינען זיך צווישן זיי באָסעס און אָלרייטניקעס און פאַרטרעטער פון דעם טשיימבער אָוו קאָמערס ?“ דעם פראַגע־שטעלער איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז ניט יעדער באַגריסער איז מחויב צו לויבן. ער האָט ניט געהערט וועגן דעם, אַז פאַרטרעטער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי קומען ריידן אַף אַ פּאַרטיילאָזער קאָנווענשאָן, דאַרפן זיי אויסדריקן דעם קוק פון *זייער* אָרגאַניזאַציע און די פאָדערונג, וואָס *זייער* ריכטונג שטעלט דער פאַרזאַמלונג.

אגב זאָל באַמערקט ווערן, אַז די אַנאַרכיסטן האָט מען אַף דער קאָנווענשאָן יאָ אַנערקענט אַלס גרופּע, און די מעלדונגען פון דער גרופּע האָט מען דערלויבט לייענען פון דער פּלאַטפאָרמע. דאָס הייסט, אַז פּרינציפּיעל האָט די קאָנווענשאָן יאָ אַנערקענט די עקזיסטענץ פון פּאָליטישע גרופּן.

לינקע לאָזן זיך ניט טעראָרעזירן.

די רעדל־פירער האָבן באַשלאָסן צו מאַכן די לינקע פאַר „לישאָן פראַוו“ — פאַר רעכטלאָזע דעלעגאַטן. אָבער ניט אומזיסט זיינען די לינקע ענטווידער קאָמוניסטן אָדער סימפּאַטייזער פון קאָמוניזם. קאָמוניסטן ווייסן, אַז *רעכט עראָבערט מען*, אַנערקענונג דערשלאָגט מען זיך *דורך קאַמף*. די לינקע האָבן ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, נאָר זיך נעמען צום קאַמף. אין אַ פאַרזאַמלונג פון איבער טויזנט מענטשן, וואו ס'איז שטענדיק אַ טומל, ווי אַף אַ מאַס־מיטינג, איז פאַר זיי ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי אָבסטרוקציע : ניט לאָזן דער קאָנווענשאָן אָנגיין מיט דער ארבעט, ביז מ'האָט ניט אויסגעהערט, וואָס זיי האָבן צו זאָגן.

די דאָזיקע מעטאָדע האָבן זיי אָנגעווענדט עטלאָבע מאָל: ווען זיי האָבן אריינגעבראַכט אַ דעקלאַראַציע פון דעם לינקן פליגל, ווען מ׳האָט געגעבן דאָס וואָרט אַ רעדנערין צו בעטן הילף פאַר די אַרעסטירטע אין סאָוועט־רוסלאַנד און ווען מ׳האָט אריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע צו פּראָטעסטירן קעגן דער סאָוועט־רעגירונג דערפאַר, וואָס זי פאַרפאָלגט „סאָציאַליסטישע״ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. אין איינציקע פאַלן האָט די אָבסטרוקציע געדויערט אַ גאַנצע שעה. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געוואוסט, אַז זיי שטעלן אײַן זייערע זייטן: די רעכטע האָבן זיך אָפּט געוואָרפן שלאָגן, מ׳האָט נאָכאַנאַנד געסטראַשעט מיט פּאָליציי. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשראָקן די לינקע פון צו באַשטיין אויף זייערע רעכט. דער רעזולטאַט איז געווען אַז די מאַשין האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם לינקן פליגל: מ׳האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער פירנדיקער גרופּע פון די לינקע דעלעגאַטן, מ׳האָט געמוזט אויסהערן די דעקלאַראַציע, מ׳האָט בײַ יעדער וויכטיקער רעזאָלוציע געגעבן דאָס וואָרט איינעם אָדער צוויי רעדנער פון די לינקע לויט זייער אייגענער אויסוואַל. ווען ס׳איז געקומען צו דער רעדנערין, וואָס האָט געזאָלט בעטן געלט פאַר די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דער לינקער פליגל זי ניט געלאָזט ריידן — און זי האָט טאַקע איר רעדע ניט געהאַלטן.

די דעקלאַראַציע איז געווען אַן ענטפער אויף דער טעראָריסטישער ארויסטרעטונג קעגן דעם פאַרטרעטער פון דער „פרייהייט״ און וואָרקערס פּאַרטי און לייענט זיך אַזוי:

„צו דער 2־יאָריקער קאָנווענשאָן פון ארבעטער־רינג.

פרייַנט דעלעגאַטן: מיר, די לינקע דעלעגאַטן צו דער 25־יאָריקער יובילעי קאָנווענשאָן פון אונזער א. ר. ווילן פאַרצייכענען אונזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דער אונערהערטער האַנדלונג פון דער רעכטער מאַיאָריטעט וועלכע האָט באַרויבט דעם פאַרשטייער פון דער קאָמוניסטישער און לינקער באַוועגונג פון דעם רעכט צו אַדרעסירן די קאָנווענשאָן.

די אויפפירונג פון דער רעכטער מאַיאָריטעט און פון זייערע פירער איז געווען אין שאַרפן ווידערשפּרוך צו דער לאַנגיאָריקער טראַדיציע פון א. ר., וועלכע האָט געהייליקט דעם פּרינציפּ פון אָפענע טירן פאַר אַלע טיילן און ריכטונגען אין דער ארבעטער באַוועגונג. דאָס פאַרבאָטן ח. אָלגינ׳ען צו באַגריסן די יובילעי־קאָנווענשאָן איז אַ פאַרלעצונג פון דעם סאַמע עלעמענטאַרסטן רעכט וואָס די קאָנסטיטוציע גיט יעדן טייל פון דער מיטגלידערשאַפט פון אָרדען.

צום ערשטן מאָל ניט נאָר אין דער געשיכטע פון ארבעטער־רינג, נאָר פון דער גאַנצער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, איז פאַרמאַכט געוואָרן די טיר פון אַ גרויסער, אומפּאַרטייאישער ארבעטער־אָרגאַניזאַציע פאַר אַ פאַרשטייער פון אַ באַוועגונג, וואָס פאַרמאָגט אפילו לויט די ציפערן פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט,

קרוב צו אַ דריטל פון אַלגעמיינער צאָל מיטגלידער פון דער אָר־ גאַניזאַציע. דערמיט איז געגעבן געוואָרן אַן עפנטלאַכער פּאַטש אין פּנים ניט נאָר אונז, לינקע דעלעגאַטן, נאָר אויך די טויזנטער און טויזנטער מיטגלידער פון א. ר., וועלכע מיר פאַרטרעטן.

צו אונזער שאַנד איז דער א. ר., אונזער אָרדען, געוואָרן לעצטנס דער אויסגעשפּראָכענער ווערקצייג און וואָפן אין די הענט פון דער רעכטער פירערשאַפט אין דער אידישער אַרבעטער־באַ־ וועגונג, דער א. ר., וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן מיט גרוי־ סער אָפּפערוויליגער אַרבעט פון אַלע טיילן פון דער באַוועגונג און וועלכער איז לויט זיין סאַמע וועזן אַן אויסער־פּאַרטייאישע אַרבע־ טער־אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף, פריינטלאַכקייט און סאָ־ ציאַליסטישע געזעלשאַפטלאַכקייט, איז אַוועק באַרג אַרונטער פון זיינע גרונט־פּרינציפּן נאָך פיל ערגער פון אַנדערע אַרבעטער־אָר־ גאַניזאַציעס., אַנשטאָט אויפצוהאַלטן זיינע טראַדיציעס פון אומ־ פּאַרטייאישקייט און טאָלעראַנץ, האָט די רעכטע פירערשאַפט גע־ געבן אַ ביישפּיל פון ענגהאַרציקייט, אומטאָלעראַנץ און טעראָר קעגן פּאָליטישע קעגנער. אין דעם הינזיכט איז דער א. ר. צו אונ־ זער גרויסן ווייטאָק אַוועק אַ סך ווייטער ווי די גרויסע יוניאָנס, צום ביישפּיל, וועלכע כאָטש זיי זיינען דאָמינירט פון רעכטע פי־ רער, האָבן זיי פונדעסטוועגן קיינמאָל ניט געוואגט פאַרבאָטן אַ באַגריסונג פון דער קאָמוניסטישער און לינקער באַוועגונג. די סקאַנדאַליעזע האַנדלונג לעצטן דינסטאָק האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער פון וועלכן עס איז טייל פון איר.

ח׳ אָלגין איז געקומען מיט די קרעדענשלס פון דער אידי־ שער פעדעראַציע וואָרקערס פּאַרטי און „פרייהייט“.ביידע קער־ פּערשאַפטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסן און באַדייטנדן טייל פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי מוזן זיין גלייכ־ באַרעכטיקט אין אונזער אָרדען מיט די איבעריקע פון דער אַר־ בעטער־באַוועגונג די „פרייהייט“ איז אַן אַרבעטער צייטונג אין שענסטן און בעסטן זינען פון וואָרט. זי ווערט אויסגעהאַלטן פון טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער. זי פירט דעם קאַמף פון דער קלאַסנבאַוואוסטזיניקער אַרבעטערשאַפט פאַר דער ענטגילדיקער באַ־ פרייאונג. זי האָט אַ סך איבערגעגעבענע פריינט און אָנהייגער אין א. ר. דאָס זעלבע איז ריכטיק בנוגע דער וואָרקערס פּאַרטי. די קאָנווענשאָן האָט אַף קיין איין מינוט ניט געטאָרט אפילו דערלאָזן קיין פראַגע וועגן צולאָזן אָלגינ׳ען. שוין ניט ריידנדיק וועגן די ווילדע גוואַלדן און זידלערייען וואָס האָבן זיך געשאָטן פון פילע רעכטע דעלעגאַטן.

מיר ווילן אויך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָנווענ־ שאָן צו דער געמיינער אויפפירונג פון דעם ליגעל אַדווייזער פון אונזער אָרדען. מיר דריקן אויס אונזער טיפסטע ענטריסטונג קעגן דעם ברוטאַלן אָנפאַל וואָס עקס־קאָנגרעסמאַן מייער לאָנדאָן האָט

געמאַכט אויפן פאַרשטייער פון דער לינקער באַוועגונג ווען ער איז צוגעקומען צו דער פּלאַטפאָרם מיטן קרערענשל אין האַנט. אַזוינס האָט נאָך ניט פּאַסירט אַף קאָנווענשאָנס פון אַרבעטער־רינג. מיר דריקן אויס דעם פאַרלאַנג פון אַלע לינקע מיטגלידער אין א. ר. און פאָדערן, אַז די קאָנווענשאָן זאָל אים באַשטראָפן. באַאמטע פון אָרדען דאַרפן דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר דער ברייטער מיט־גלידערשאַפט. דער ליגל אַדוויזער האָט געגעבן אַ מוסטער פון ווילדער חוצפּה און טעראָר. דערפאַר דאַרף ער באַשטראָפט ווערן.

מיר קענען זיך ניט העלפן אויסצודריקן אונזער טיפע איבער־צייגנוג, אַז דער אויסברוך דעם דינסטיק איז דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער אומגעזעצלאַכער און פאַרברעכערישער פּאָליטיק וואָס די רעכטע פאַרוואַלטונג פירט אָן אין א. ר. דאָס איז די פּרוכט פון דעם צושטערונגס־גייסט, וואָס זי האָט אַריינגעטראָגן אין אונזער אַלעמענס אָרדען.

מיר באַטראַכטן די אויפפירונג פון די רעכטע דעלעגאַטן דינ־סטיק פאַר אומדערלאָזבאַר. זיי האָבן באַפלעקט דעם נאָמען פון א. ר. אַלס פּראָטעסט פאַרלאָזן מיר אַלע דעמאָנסטראַטיוו די זיצונג פון דער קאָנווענשאָן אַף אַ האַלבע שטונדע צייט."

קעגן דער האַלטונג פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט האָבן די לינקע אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט אין אַ רעזאָלוציע, וועלכע די מאַשין האָט, פאַרשטייט זיך, אפילו ניט געבראַכט פאַר דער קאָנ־ווענשאָן:

דער טעראָר פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע אין איר קאַמף קעגן די לינק־געשטימטע עלעמענטן אין אַרבעטער־רינג האָט אָנגענומען אַזעלכע מיטלען, וואָס זיינען קעגן די פּרינציפּן און טראַדיציעס פון אַרבעטער־רינג און ווירקן זייער דעמאָראַליזירנד אַף דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון אונזער אַרבעטער־אָרדען.

די געשיכטע פון אַרבעטער־רינג איז רייך מיט קאַמפן, ווי יעדע לעבעדיקע אָרגאַניזאַציע.

אין פאַרשיידענע צייטן האָבן אפילו די קאַמפן אָנגענומען אַ גאַנץ ערנסטן כאַראַקטער, אָבער קיינמאָל איז ניט פּראַקטיצירט גע־וואָרן אַזאַ שרעקלאַכער טעראָר, ווי עס ווערט אָנגעווענדעט אין די לעצטע דריי יאָר מצד דער פאַרוואַלטונג.

גאַנצע דיסטריקט און סיטי קאָמיטעס ווערן אויפגעלייזט, בראַנטשעס ווערן געשפּאָלטן און אויפגעלייזט פאַר דעם איינציקן חטא, וואָס זיי שטיצן אַמאָל די לינקע באַוועגונג אָדער וואַגן צו קריטיקירן די פאַרוואַלטער.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט פּאַקטיש צוגעמאַכט די טירן פון אַרבעטער־רינג פאַר לינק געשטימטע אַרבעטער. גאַנ־

צע ברענטשעס, צענדליקע און צענדליקע יחידים זיינען צוריק געוויזן געוואָרן פון ארבעטער־רינג פאַר דעם איינציקן חטא, וואָס זיי זיינען אין סימפּאַטיע מיט דער לינקער באַוועגונג.

צענדליקע און צענדליקע אַקטיווע אַלטע מיטגלידער, מיטגלידער וואָס האָבן געבויט די אָרגאַניזאַציע, זיינען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע, זייענן געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה פאַר דעם איינציקן חטא, וואָס זיי האָבן געוואַגט צו קריטיקירן די פאַרוואַלטונג און אָנווייזן, אַז זי האַנדלט נית אין די בעסטע אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע.

די קאָנסטיטוציע פון ארבעטער־רינג גיט דאָס רעכט דער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע צו מאַכן „מעמבערס עט לאַרדזש“ דער פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן פאַר פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע סקעבס און בכלל פאַר אומגעווינשטע עלעמענטן. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע באַנוצט זיך מיט דעם פּאַראַגראַף אין דער קאָנסטיטוציע און באַזייטיקט צענדליקע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, מאַכנדיק זיי פאַר מעמבערס עט לאַרדזש.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע מיט דער הילף פון דער נאַציאָנאַלער באַארד אָוו דירעקטאָרס, האָט אפילו אַליין אויסגעטייטשט דעם פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אַז „מיטגלידער עט לאַרדזש“ פאַרלירן אַלע פּאָליטישע רעכטן אין דער אָרגאַניזאַציע, קאָנען נית זיין פאַרטראָטן צו קיין נאַציאָנאַלע אָדער לאָקאַלע קאָנפערענצן, אפילו נית זיין קיין לאָקאַלע מיטגלידער אין ברענטשעס.

די 25־יערלאַכע יובילעאום קאָנווענשאָן פאַרזאַמלט פון 3טן ביזן 9טן מאַי אין סטאַר קאַסינאָ האַל, ניו יאָרק, דריקט אויס איר אומצופרידנקייט מיט אַזעלכע טעראָריסטישע מעטאָדן מצד דער געוועזענער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע און פּאָדערט אויף די קומענדע עקזעקוטיוו קאָמיטע אָפּצושטעלן אַזעלכע מעטאָדן פון קאַמף.

רעאָרגאַניזירן אַלע אויפגעלייזטע סיטי און דיסטריקט קאָמיטעטן, רעאָרגאַניזירן אַלע אויפגעלייזטע ברענטשעס, רעאינסטייטן אַלע „מיטגלידער עט לאַרדזש“, וואָס זיינען באַשטראָפט געוואָרן פאַר זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען אָדער פאַר זייער וואַגן צו קריטיקירן דער פירערשאַפט, בכלל געפינען וועגן און מיטלען, אַז אַלע עלעמענטן אין ארבעטער־רינג פון אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען, אויב זיי גלויבן נאָר אין דעם פּרינציפּ פון קלאַסנקאַמף, זאָלן קענען געמיינשאַפטלאַך ארבעטן און ווירקן אין ארבעטער־רינג.

דער סך־הכל

נעמט אוועק דאָס וואָרט „סאָציאַליזם“, וואָס די אָדער יענע רעדנער האָבן אויס געוואוינהייט אַמאָל געלאָזט פאַלן אַף דער קאָנווענשאָן, — אַ וואָרט, וואָס האָט זיך, אַגב, זעלטן געלאָזט הערן בײַ די אָפיציעלע פירער און וואָס האָט קיין זין ניט, אויב מען פאַרבינדט עס ניט מיט טאַטן; נעמט בכלל אוועק דעם פוץ פון ווערטער, וואָס מ'האָט מיט אים געגודיעט אין אַ משך פון דרײַ פערטל קאָנווענשאָן און וואָס מ'האָט אים געדאַרפט האָבן אַף צוצודעקן די גײַסטיקע אָרימקייט און שפלות; נעמט אוועק די שאָלעכץ און קוקט אַרײַן אין תוך, אין דעם אויפטו פון דער קאָנווענשאָן און פרעגט זיך: צו וואָלט אַ באַלעבאַטישע קליינבירגערלאַכע אָרגאַניזאַציע געהאַנדלט אַ סך אַנדערש, איידער די פירער האָבן געצוואונגען דעם אַרבעטער־רינג צו האַנדלען צו זײַן 25־יאָריקן יוביליאום?

זאָל דאָ, פאַרבײַגייענדיק, באַמערקט ווערן, אַז דאָס לײַדיקע וואָרט סאָציאַליזם איז גאָר ניט אַזוי פרעמד דער בורזשואַזיע, אויב מען באַפרײַט עס נאָר פון פּאָליטישן אינהאַלט. איז דאָך דאָ אין פראַנקרײַך אַ בורזשואַזע פאַרטיי, וואָס רופט זיך „ראַדיקאַל־סאָציאַלע“. האָבן דאָך די אַנטיסעמיטן אין עסטרײַך זיך גערופן „קריסטלאַך־סאָציאַלע“. געפינען זיך דאָך אַף דער אידישער גאַס טויזנטער קרעמער, פעדלערס, ריעל עסטייטניקעס, פאַבריקאַנטלאַך, רײַכע אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, וואָס באַרימען זיך, אַז זיי האָבן אַמאָל געהערט צו דער „עס פּי“ און האַלטן זיך נאָך איצט אויך פאַר גאַנצע סאָציאַליסטן, — וואָס דאָס שטערט זיי ניט גאַנץ ניש'קשה'דיק עקספּלואַטירן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און זײַן אַ גוטע שטיצע דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אַזוי אַז אפילו דאָס וואָרט „סאָציאַליזם“ ווען עס ווערט געברויכט פון אַזוינע מענטשן, ווי די סאַהאַניסטישע יונגען, האָט ניט געקענט דערשרעקן די „שיינע באַלעבאַטים“, וועגן וועלכע י. באַסקין רעדט מיט אַזאַ דרך־ארץ.

אָבער סוף כל סוף זײַנען דאָך ניט די ווערטער וויכטיק, נאָר די טאַטן. וואָס זײַנען דאָס פאַר טאַטן? מיר האָבן שוין געזען די באַהאַנדלונג פון דער קולטור־פראַגע, וואָס דאָס דאַרף זײַן דער נערוו פון דעם אַרבעטער־רינג. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די קליינבירגער אָדער אפילו די „שיינע באַלעבאַטים“ פונם אַרבעטער־רינג קענען ניט האָבן קיין טענות קעגן אַזאַ פאַרהאַנדלונג. אין אַלע איבעריקע פרטים האָט די קאָנווענשאָן אויפגעטאָן פונקט אַזוי ווייניק, אָבער דאָס ווייניקע איז אַלץ געווען פון אַזאַ סאָרט, וואָס האָט געדאַרפט באַפרידיקן די באַלעבאַטישע עלעמענטן.

מ'האָט זיך געוואָרפן מיט געלט — אַ צו להכעיס די לינקע. מ'האָט אַסיגנירט געלט דעם אויסלענדישן „אָרט", דער „אָזע". מ'האָט אַסיגנירט געלט אַפילו דעם „האיאס", כאָטש יענער איז געשטאַנען אונטער אַ קלאַגע ! ס'האָט זיך קעגן אים געפירט אַן אונטערזוכונג — און בכלל האָט ער געגוג געלט און טוט כמעט גאָרניט קיין אַרבעט. מ'האָט אַסיגנירט געלט דעם „ניו לידער" און דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" אין וואַרשע, צוויי אָרגאַנען, וועלכע קעמפן קעגן די רעוואָלוציאָנערן־קאָמוניסטן, צו דער גרויסער צופרידנקייט פון דער בורזשואַזיע. מ'האָט אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דער באַשריינקונג פון אימיגראַציע און קעגן דעם פּלאַן צו רעגיסטרירן אימיגראַנטן. אַ באַלעבאַטיש־אידישע קאָנווענשאָן וואָלט ניט געקענט האַנדלען אַנדערש.

אָבער ניט דערמיט אַליין האָט די קאָנווענשאָן דערפילט דעם וואונש פון דעם באַלעבאַטישן פליגל. איר הויפּט־אַרבעט איז געווען — *באַפאַלן און באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט*, דערהויפּט אין אַמעריקע און ספּעציעל די רייען פונם אַרבעטער־רינג.

„שניידערוקעס ! שוסטערוקעס ! חזרים ! רעוואָלוציאָנערע פּסיכאָפּאַטן " — האָט מייער לאָנדאָן געשריגן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, ווען אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע אַרבעטער האָבן גענומען פאָדערן אַ קאָמוניסטישן רעדנער. אין אָט דער שפּראַך האָט זיך אויסגעדריקט די באַציאונג פון דער רעכטער פירערשאַפט צו דער פּראָלעטאַרישער מאַסע בכלל, צו די קעמפערשע, רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן בפרט. אָט די באַציאונג איז, ווי אַ רויטער פאָדים, דורכגעגאַנגען דורך דער גאַנצער אַרבעט פון דער רעכטער מאַשין אַף דער קאָנווענשאָן.

ס'איז ניט געווען קיין איינציקער באַריכט, וואָס זאָל ניט אָנפאַלן אַף די רעוואָלוציאָנער אַרבעטער, זייער פּאַרטיי, זייער פּרעסע, זייער פירער. ס'איז ניט געווען קיין איינציקער צייטונגס־אַרטיקל, קיין איינציקע אינטערוויו, וואָס זאָל ניט שיטן קיין שוועבל און פעך אַף די אידעאַלן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס און אַף דער איינציקער פּראָלעטאַריש־פּויערשער רעפּובליק אין דער וועלט. זייט זיכער : קיין פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן, קיין „שיינער איד" און „חשוב'ער באַלעבאָס" וואָלט ניט געקענט טאָן אָט די העץ־אַרבעט מיט מער ביטערקייט און מיט גרעסערער עקשנות, איידער דאָס האָט געטאָן די רעכטע קליקע אַף דער קאָנווענשאָן.

די באַלעבאַטישע עלעמענטן מעגן זיך רייבן די הענט מיט פאַרגעניגן : מ'האָט געטאָן פאַר זיי די אַרבעט בשלמות.

דער אָנפאַל אַף די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער האָט געפונען זיין קאָנצענטרירטן אויסדרוק אין 4 רעזאָלוציעס :

1) רעזאָלוציע קעגן דער וואָרקערס פּאַרטיי און דער „פרייהייט“.

2) פּראָטעסט קעגן סאָוועט־רוסלאַנד פאַר ארעסטירן „סאָציאַליסטן“.

3) רעזאָלוציע „וועגן דיסציפּלין אין ארבעטער־רינג“.

4) רעזאָלוציע אויסצושטרייכן פונם רעקאָרד די דעקלאַראַציע פון די לינקע, וואו עס רעדט זיך וועגן מייער לאָנדאָן.

ריידנדיק פאַר דער פּראָטעסט רעזאָלוציע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, האָט איינער כאַנין געזאָגט : ווי אזוי קענען מיר פאָדערן די באפרייאונג פון פּאָליטישע דאָ אין אמעריקע אָדער אין אַנדערע לענדער, ווען אין לאַנד, וואָס קליימט צו זיין א סאָציאַליסטישע, שמאַכטן פרייהייט־קעמפּער אין טורמע ? דער דאָזיקער רעדנער האָט ניט באמערקט, ווי אזוי ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אפן בורזשואזן שטאַנדפּונקט : דאָס לאַנד פון די סאָוועטן און די לענדער פון קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור זיינען בא אים אַלץ איינס ; די קעמפּער קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעגירונג זיינען בא אים חשוב׳ע מענטשן, וואָס יעדער פּראָגרעסיסט דאַרף פאָדערן זייער באפרייאונג. מיט דערזעלביקער לאָגיק קען מען פרעגן : ווי קענען ארבעטער פאָדערן, אז די פּאָליציי זאָל ניט שטערן די סטרייקער, ווען די סטרייקער שטערן די סקעבס צו טאָן ארבעט אין די שעפּער ? די דאָזיקע טענה הערט מען אָפט אין די רייען פון די באָסעס אין דער צייט פון א סטרייק. אף דער קאָנווענשאָן פונ׳ם ארבעטער־רינג האָט מען די טענה אָוועקגעשטעלט קעגן דער סאָוועט־רעפּובליק פאַר ניט דערלאָזן די “פרייהייטס־קעמפּער” צו „באפרייען“ דאָס לאַנד פון פּראָלעטארישער דיקטאַטור.

פרייט זיך, „שיינע באַלעבאַטים !“ די קאָנווענשאָן־מאַשין האָט געארבעט פאַר אייך !

די רעזאָלוציע „וועגן דיסציפּלין אין ארבעטער־רינג לייענט זיך אזוי :

„אין אנבטראַכט, אז אין ארבעטער־רינג זיינען די לעצטע צייטן פאָרגעקומען פילע פּאַסירונגען פון פארברעכן די דיסציפּלין און פון אזא אונגעהערטן כאַראַקטער ווי גרינדן אָקציאָנס קאָמיטעס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַלס זייער אויפגאַבע צו אַרבעטן קעגן די אָנגענומענע באשלוסן פון די געזעצלאַכע ארבעטער־רינג קאָנפערענצן, קאָנווענשאָנס און רעפערענדומס, ווי אויך צו פארשפּרייטן פארשיידענע אינסינואַציעס און בלבולים וועגן די פארוואַלטנדע קאָמיטעס און וועגן דעם ארבעטער־רינג אַלס א גאַנצן ;

אין אנבאַטראַכט, אז דאָס שטערט דעם וואוקס פון ארבעטער־רינג און טראָגט אריין א מיסצוטרויען און דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציאָן ;

באשליסט די 25־יאָריקע קאָנווענשאָן :

1) צו פאַרדאַמען די זאַגענאַנטע לינקע אַקציאָנס קאָמיטע פאַר איר צושטערנדע אַרבעט. די קאָנווענשאָן באַטראַכט זיי אַלס פערזאָנען וועלכע זיינען שעדליך פאַר דעם וואוקס און וואוילזיין פון אַרבעטער־רינג.

2) די קאָנווענשאָן וואָרנט אירע מיטגלידער קעגן אירגענד וועלכע פאַרבינדונגען מיט דיזע שעדלאַכע עלעמענטן.

3) די קאָנווענשאָן באַאויפטראַגט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע אָנצונעמען אַלע מעגלאַכע שריטע צו באַזייטיקן דיזע שעדלאַכע עלעמענטן פונם אַרבעטער רינג, עס מאַכט ניט אויס אונטער וועלכע נעמען זיי זאָלן זיך ניט רופן. די עקזעקוטיוו זאָל זיך באַנוצן מיט אַלע מיטלען און זאָל האָבן דאָס רעכט אפילו אויסשליסן אַזעלכע מעמבערס פון אַרבעטער־רינג".

דאָס הייסט, אַז די רעכטע מאַשין האָט זיך גענומען די סאַנקציע צו פאַרגרעסערן איר טראָר קעגן דעם פּראָלעטאַרישן פליגל, — וואָס דאָס מוז נאָך איינגער פאַרבינדן די הערשנדיקע קליקע מיט די באַלעבאַטישע עלעמענטן.

די רעזאָלוציע וועגן מייער לאָנדאָנ'ען איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זי וואַרפט אַ ליכט אויף דעם גייסט פון דער קליקע. כוליגאַנישע ווערטער און טאַטן פאַרטיידיקט מען, פּראָטעסט קעגן כוליגאַניזם ווערט אויסגעמעקט פונם רעקאָרד.

אַזאַ שפלות וואָלט אפשר געווען אוממעגלאַך אפילו אין אַן אָנשטענדיקער בורזשואַזער אסיפה. דאָ האָט שוין דער „פאַרווערטס" באַוויזן זיין גנעלע האַנט.

וואָס ווייטער?

די קאָנווענשאָן איז אַריבער — און פאַר די מיטגלידער האָט זי גאָר באַוויזן די אמת'ע געשטאַלט פון די רעכטע.

דער אַרבעטער־רינג איז צוטיילט אויף צוויי לאַגערן. די ליניען זיינען געצויגן. די „אישום" זיינען קלאָר.

די רעכטע פירערשאַפט האָט נ י ט געקענט פאַרענטפערן אויף דער קאָנווענשאָן דעם רייסטער אומגעזעצלאַכקייטן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין אָט דער שריפט. פּעטערסאָן איז ווי אַ ביין געשטאַנען אין האַלז פון די באַריכט־געבער, און קיין פּאַרציע זידלערייען קעגן די קאָמוניסטן און קיינע דרייערייען פון וויינבערג'ן, אַז כלומרשט „די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט געטרייט צו שליכטן סכסוכים אויף אַ פרידלאַכן אופן און ניט דורך אויסשליסן מיטגלידער", און קיינע פּויקן־קלאַפּערייען האָבן ניט געקענט באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז פּראָלעטאַרישע עלעמענטן האָט מען אויסגעשלאָסן אָן אַ שום חטא און פּעטערסאָנער באַסעם האָט מען ניט אויסגעשלאָסן פאַר סקעבעריי", — און אָט דער פלעק ברענט נאָך אַלץ אויף די שטערנס פון דער קליקע.

איצט, אין אָנהויב יולי, האָט די נייע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע זיך גענומען דורכפירן דעם נייעם טעראָר־מאַנדאַט פון דער קאָנווענשאָן. די נייע מעטאָדע איז — צווינגען מיטגלידער צו טראַנספערירן זיך פון איין ברענטש אין א צווייטן. אין לינקן ברענטש 247 האָט מען געהייסן זיבן לינקע מיטגלידער זיך איבערפירן אין אַן אַנדער ברענטש, כדי עס זאָל בלייבן א רעכטע מערהייט. ווען דער ברענטש און די זיבן האָבן זיך אָפּגעזאָגט דורכצופירן אָט דיעם ווילקירלאַכן באַפעל, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע זיי אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פונ'ם ברענטש.

דאָס איז נאָר אַן אָנהויב.

די פראַגע שטייט: *וואָס טאָן?* דער ענטפער איז געגעבן אין דער לאַגע פונם ארבעטער־רינג.

די באַלעבאַטישע אידן האָבן ניט קיין מערהייט אין אַרבעטער־רינג. די רעכטע מאַשין, אף וויפיל זי שווינדלט ניט, קריגט זי א מערהייט מיט דער הילף פון ארבעטער און האָרעפּאַשניקעס, וואָס פאַרשטייען ניט זייערע קלאַסן־אינטערעסן, די דאָזיקע ארבעטער און האָרעפּאַשניקעס זיינען *ניט* פאַראינטערעסירט אין באַלעבאַטישער פּאָליטיק. זיי *קענען* זיין פאַראינטערעסירט אין פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק, ווען זיי וועלן זי פאַרשטיין.

די לינקע דאַרפן מאַכן אזוי, אז א מערהייט מיטגלידער פונם אַרבעטער־רינג זאָל פאַרשטיין די באַדייטונג פון אַ פּראָלעטאַרישן אַרבעטער־רינג, פון אַ פּראָלעטארישער פּאָליטיק פאַרן אַרבעטער־רינג.

די לינקע דאַרפן קלאָר מאַכן פאַר די מיטגלידער די געפאַר פון באַלעבאַטישן איינפלוס און די נויטווענדיקייט פון פּראָלעטאַרישן קאַמף.

דאָס איז די אויפגאַבע — און דערצו דאַרף מען זיך נעמען מיט באַנייטע כחות. ווען די דאָזיקע אַרבעט וועט דורכגעפירט ווערן גענוג ברייט און טיף, *וועט מען קענען אַרויסנעמען דעם אַרבעטער־רינג פון די הענט, וואָס דינען באַלעבאַטישע אינטערעסן.*